# ר׳ שמעון בארבון

## דער רבינער פון מיינץ

אדער

## דער דרייפאכער טרוים (חלום)

דער צוא קומט דא פאר נאך צווייא קליינע וואהרע ערציילונגען · איינע פון דעם מהר״מ מרוטענבורג · דיא צווייטע פון צווייא יונגע לייט גוטע פריינד · אלע דריי וואר · אונ דער צוא נאך ראר · רירענד . אונ צום גוטען פירענד:

**מאת אמ״ד.**


**ווילנא**

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ד לפ״ק


**РЕБЪ ШИМОНЪ БОРБУНЪ**

или

Трое кратный сонъ

Разсказъ А. М. Дика.


ВИЛЬНА

Въ типографіи вдовы и братьевъ Роммъ.

На Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ подъ №№ 327 и 328.

**1874.**

1.

## „דיא גהעטטא (יודען פירטעל אדער קוואַרטעל) אין דער שטאט מאיינץ„ :

ביז אהער מיינע טייערע לעזערען האבין מיר דער ציילט לוסטיגע געשיכטען פון אונזערע איצטיגע צייטען וואס זיינען שוין פיל בעסער אלס דיא פאריגע צייטען אין וועלכע אונזערע פאר עלטערען האבען געלעבט · צייטען וואס מיר ווערין שוין אין זייא בעהאנדעלט וויא אלע אנדערע מענטשין פון איירָאפא · צייטען וואס עס איז שוין ערלויבט אונז צוא וואוינען אין אלע שטעט אונ אין אלע זייערע גאסען אונ וואס מיר מעגען שוין זיין אויך צינאוניקעס אונ ברויכען אלערהאנד פרנסות · צייטען לויב גאט וואס מיר זיינען שוין אין שטאנד צו קריטיקירען זיך זעלבסט אונ צו בעלאכען מאנכע דומהייטען אונזערע וויא עס טוען אלע ציוויליזירטע (אויס געבעסערטע) פעלקער פון איירָאפא דאס זייא שרייבען קריטיקען איבער זייערע אייגענע נאציאנעש אונ דארפין אונז שוין ניט פירכטען צוא שענדען מאנכע פעלערין אונזערע זעלבסט גאנץ עפענטליך (פובליצנע) אזו גאר אין צייטונגען · דען מיר ווייסען פאר געוויס דאס מיר ווערין אונז דער מיט זייער פיל אויס בעסערין ניט צו ציהענדיג אונז דעם מינדעסטען שאדען פון דער קריסטליכער זייט· אזו זיכער אונ רוהיג זיינען מיר איצונד הן מצד דער רעגירונגען אונ הן מצד פון דיא איינוואוינער וואס זיינען שוין ציווילזירט אונ מענשען פריינדליך :

איצונד אבער מיינע טייערע לעזערען וועלין מיר דיר דאמיט פאר שטעלין דוא זאלסט קענען זייער גוט פערשטיין דיין גליק וואס דוא לעבסט אין דיזע גליקליכע עפאכע (צייט רעכענונג) אונ גראדע

אין

Дозволено цензурою 13 Марта 1874 г. Вильна.

אין דער ציווילייזירטע איירָאפּא און ניט אין דיא באַרבאַרישע אזיען וויא צום בייא שפּיל אין אַראַביען אין פּערזיען אין מאַראָקאָ און ניט אין דיא פאריגע הונדערטע יארין וועלין מיר דיר דער ציילין דא איינע געשיכטע וואס עס איז געשעהען פאר איניגע הונדערט יאר צוריק פון וועלכער דוא וועסט שוין קענען איינען רעכטען בעגריף האבין פון דיא רויען און ווילדען אלטען צייטען וואס פון זייא האבען אונזערע עלטערין זייער שטארק געליטען דאס זייא האבען דאן געמאכט דעם לאנגין והוא רחום און די טרויעריגע פיוטים וואס ווערין געזאגט אין דיא שבתים וואס זיינען צווישין פסח און שבועות וואס זיינען פול מיט טיפע זיפצערייא און שווערע קרעכצען :

אין יענע צייטען ווארען פיל לענדער פיל שטעט וואס איין אידעשע פוס און גליד האט ניט געטארט אהין אריין שטעקען און זעלבסט אין דיא שטעט וואס עס וואר זייא ערלויבט צוא וואוינען האבין זייא געהאט איינען בעזונדערין קווארטאל וואס מען האט עס גערופען מיט דעם נאמען גהעטטא · דיזער קווארטאל וואר ארום גענומען מיט אהויכען מויער · ער האט געהאט נור איין בראם מיט אייזערנע טויערין וואס ווארען אלע אוונד צוא געשלאסען און אזו אויך שבת זונטאג און בשעת עס פלעגט צו גיין איינע פראצעס איבערין שטאט איינע אידעשע וואך פלעגט צו שטיין אינעווייניג און איינע קריסטליכע דארויסען אזו איינע גהעטטא וואר נאך ביז דיזעם יאר אין רום און אזו וואר עס נאך אין דיזעם יאר הונדערטער זעלבסט אין פראנקפורט דמיין און אין מיינץ איינע אלטע שטאט וואס האט אין איר רעגירט איין גייסטליכער (דוכאוונער) קורפירסט אדער בישוף :

נון פערשטייט זיך דאס מען האט דארטין געוואוינט זייער איינג און שמוציג · דיא וואוינונגען ווארען קליין · נידעריג · דונקעל דיא גאסען שמאל און קרום דיא אידעשע בעפעלקערונג געדיכט און געדריינגט וויא מען קען זיך נור פארשטעלען · דאך אבער

זייער



זייער שטארק בעשעפטיגט און טהעטיג · דער הויפט האנדעל וואר דארטין מיט אלטע קליידער · מיט אנטיקען (אלט מאדישע און טייערע זאכען) און מיט וועקסלערייא · און פלעגין צוא שטיין מיט דיא קריסטען אין אגרויסען פערקעהר · און עס וואר דארטין אלזוי איינע פערשטעלטע ארמוטה (ארעמקייט) ידען אין גרונד ווארען זייא רייך · זייא פלעגין אבער אויס צוא זעהן וויא בעטלער · דאמיט דיא רעגירונג זאל זייא ניט בערייסען · עס ווארען דארטין זייערע בערך פינף טויזענד פאמיליען · און דאך ווארען זיי אלע וויא איין משפחה ווייל זיי פלעגין זיך מתחתן זיין נור איינער מיט דעם אנדערין · און ווארען אלזוי דורך דעם איינער מיט דעם אנדערין אזוא ווייט פערוואנדעט · דאס דיא פריידען און ליידען פון יעדעם איינציגען האט בעלאנגט דער גאנצען געמיינדע :

עס ווארען אונטער זייא גרויסע לומדים פרומע לייט · גרויסע געלערנטע · גרויסע בעלי מקובלים · גרויסע רעכענמייסטער נאך מעהר פאר אלץ האבין זייא פערשטאנען דעם שאך שפיל · דאס דיא קריסטען פלעגין נעמען בייא זייא אונטער ריכט אין דיזער זאכע · און דיא גרעסערע פון אונטער זייא פלעגין גערופין צו ווערין צוא דיא גרעסטע הערשאפטין אום צוא שפילין מיט זייא אי[n] שאך · און דיזעם וואר טאקע דער צוועק (תכלית אויסזיכט) ביי זייא פון דיזעם שפיל · דען דורך דעם פלעגין זייא צוא האבין אימעו גוטע געלעגענהייט צוא טאן אטובה · אמאל איינע[n] אנדערין · און אמאל דעם כלל · דען דורך דעם האבין זייא בעקומע גרויסע בעקאנטשאפט מיט גרויסע לייט וואס זייא פלעגין אויו צו ווירקען דורך זייא וואס נור מעגליך איז דען וואס נאך א[…] דער וועלט קען פערבינדען אגרויסען מענטשין מיט אקליינע וויא דיזע טיפזינעגע שפיל וואס מען פערגעסט זיך דער ביי[…] ווער מען איז · מען איז דער בייא פערטאן וויא יעדערער פון דיא ביידע צדדים זעהעט זיך צו מנצח צו זיין דעם אנדערען און בעוואונדערט

גְבוּרָה פוּן זַיין מְנַצֵחַ (אַיין גֶעהֶמֶער) נִיט ווִילֶענְדִיג אוּנ וֶוערְט אִים נָאךְ דֶער שְׁפִּיל אַגוּטֶער פְרַיינְד אוּנ אַכְטֶעט אִים נָאךְ דֶער צוּא וֶועגֶען זַיינֶע גְרויסֶע אַיינְפֶעלֶע אִין דִיזֶעם שְׁפִּיל אוּנ וַוייל דִיא יוּדֶען וַואָרֶען אִימֶער דִיא גֶעווִינֶער אִין דִיזֶעם שְׁפִּיל הָאבִּין זַייא בֶּעקוּמֶען אַגְרויסֶען שֵׁם פַאר דִיא גְרֶעסְטֶע שָׁאךְ שְׁפִּילֶער אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה דָאס פִיל יוּנְגֶע לַייט פוּן דִי קְרִיסְטְלִיכֶע הֶערְשַׁאפְטֶען וֶועלִין קוּמֶען זִיךְ צוּ לֶערְנֶען עֶס בַּייא זַייא :

## 2.

## ר׳ שִׁמְעוֹן בַּארְבּוֹן

נוּן וַואר אִין דִיזֶעם יוּדֶען נֶעסְט פַאר אֵיינִיגֶע הוּנְדֶערְט יָאר אַיין גֶעווִיסֶער יוּדֶע וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען ר׳ שִׁמְעוֹן בַּארְבּוֹן׳ עֶר וַואר אֵיינֶער פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע לוֹמְדִים וָואס וַואָרֶען אִין זַיינֶער צַייט דֶער צוּ וַואר עֶר אַגְרויסֶער בַּעַל מְקוּבָּל אוּנ אַגְרויסֶער חָכָם אִין אַלֶערְלֵייא יְדִיעוֹת אוּנ אִין שְׁפְּרַאכֶען אויךְ וַואר עֶר דֶער צוּ אַיין זַייעֶר שֵׁיינֶער פֶּערְזוֹין עֶר הָאט אוֹיס גִיזֶעהֶען ווִיא אַיין הַיילִיגֶער פַּאטְרִיַארְךְ אוּנ וַואר עֶס טַאקֶע בֶּאֱמֶת דֶען עֶר וַואר אַגְרויסֶער יְרֵא שָׁמַיִם אוּנ בַּעַל מִדוֹת טוֹבוֹת אוּנ אַגְרויסֶער עַסְקָן בְּמִצְוֹת אוּנ אִין גְמִילוּת חֲסָדִים אוּנ הָאט זִיךְ גֶענֶערְט פוּן אַקְלֵיינֶעם מִסְחוֹר פוּן אַלְטֶע מַטְבֵּעוֹת וָואס מֶען רוּפְט עֶס (מִיכַאשְׁמַאטִיק) וָואס דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אַגְרויסֶען פֶערְקֶעהְר מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע קְרִיסְטְלִיכֶע וֶועלְט נָאךְ מֶעהְר אָבֶער הָאט אִים גֶעמַאכְט אַגְרויסֶען נָאמֶען אוּנְטֶער דִיא גְרֶעסְטֶע הֶערְשַׁאפְטֶען זַיין שָׁאךְ שְׁפִּילֶען דֶען עֶר הָאט אִין דֶעם נִיט גֶעהַאט זַיין גְלַייכֶען זָעלְבְּסְט אוּנְטֶער דִיא יוּדֶען פוּן דִיזֶעם קְוַוארְטַאל עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶעם אַזֶעלְכֶע גֶעהֵיימֶע אוּנ אַיינְפֶעלִיגֶע גֵיינְגֶע וָואס קֵיינֶער הָאט גָאר נִיט גִיקֶענְט אויף זַייא קוּמֶען אוּנ מֶען הָאט אִים דַאהֶער גִירוּפִין דֶער קִינִיג פוּן אַלֶע שָׁאךְ שְׁפִּילֶער :

אוּנ גֶע. דִיזֶער גְרויסֶער מַאן וַואר זִיךְ אַלְזוֹ צוּ פְרִידֶען מִיט זִיךְ אוּנ





מִטִי דֶער וֶועלְט אַזוֹ וַוייט דָאס עֶר הָאט נִיט גֶעווָאלְט אָן נֶעמֶען אֵיינֶעם רַאבִּינֶער שְׁטֶעלֶע דֶען מֶען הָאט אִים דָארְטִין אוּנ אַזוֹ אִין אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער גֶעוָואלְט מַאכֶען פַאר אַיין רַב׳ אִיךְ הָאבּ מִיר גָאט זַייא דַאנְק פְלֶעגְט עֶר צוּ זָאגִין מַיין אויסְקוּמֶענֶעם אוּנ מַיינֶע צַייט וָואס בְּלַייבְּט מִיר אִיבֶּערִיג פוּן מַיינֶע גִישֶׁעפְטִין ווִיל אִיךְ נִיט פַאר קוֹיפִין פַאר גָאר דִיא גֶעלְט ׃ צְווֵייטֶענְס וֶוען אִיךְ וֶועל וֶוערִין אַיין רָב פַּאסְט דָאךְ שׁוֹין נִיט פַאר מִיר צוּ גֵיין צוּ מַאנְכֶען גְרויסֶען גַייסְטְלִיכֶען (דוּחָאוונֶעם) צוּ שְׁפִּילֶען אִין שָׁאךְ אוּנ מִיט דִיזֶער שְׁפִּיל קֶען אִיךְ פִיל מֶער צוּא נִיץ קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער גֶעמֵיינְדֶע אַלְס מִיט מַיינֶע רַבָּנוּת דֶען אִיךְ ווִירְקֶע אוֹיס דוּרְךְ דֶעם זֵייעֶר אָפְט פִיל טוֹבוֹת פַאר זַייא :

דָאךְ אָבֶער זָאגְט דֶער אַלְטֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט נָאךְ אִיז אויף דִיזֶער עֶרְד קֵיין גְלִיק צַייטִיג גִיווָארִין׳ אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין אִין מֶדְרָשׁ אַחֲרֵי נָאךְ מֶעהְר (אברהם לא שמח בעולמו יעקב לא שמח בעולמו משה לא שמח בעולמו כו׳ כביכול הקב״ה לא שמח בעולמו שמח ה׳ במעשיו אינו אומר אלא ישמח) דָאס הֵייסְט אַבְרָהָם הָאט זִיךְ נִיט גִיפְרֵייט מִיט זַיינֶעם לֶעבִּין יִצְחָק הָאט זִיךְ נִיט גִיפְרֵייט מִיט זַיינֶעם לֶעבִּין יַעֲקֹב וַואר נִיט צוּא פְרִידִין מִיט זַיין לֶעבֶּען אוּנ אַזוֹ זָעלְבְּסְט דֶער בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין כִּבְיָכוֹל וַואר נָאךְ אויךְ נִיט צוּ פְרִידִין פוּן זַיין בְּרִיאָה דֶען עֶס שְׁטֵייט דָאךְ נִיט (שָׂמַח ה׳ בְּמַעֲשָׂיו) דָאס גָאט הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיפְרֵייט מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט עֶס שְׁטֵייט נוּר (יִשְׂמַח ה׳ בְּמַעֲשָׂיו) עֶר וֶועט זִיךְ נָאךְ עֶרְסְט פְרֵייעֶן נוּן פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס דִיזֶער ר׳ שִׁמְעוֹן בַּארְבּוֹן הָאט קֵיין אוֹיסְנַאם גִימַאכְט פוּן דִיזֶען רֶעגֶעל (כְּלַל) בַּייא אַלֶע זַיינֶע צוּא פְרִידֶענְהַייט בַּייא אַלֶע זַיינֶע גֶענוּגֶענְהַייט מִיט ווִינְצִיגֶען אִיזְט עֶר אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערֶע יָארִין גִיוָוארִין הֶעכְסְט אוּנְגְלִיקְלִיךְ, אוּנְגְלִיקְלִיךְ ווִירְקְלִיךְ ווִיא אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב אוּנ פִילַייכְט נָאךְ פִיל אוּמְגְלִיקְלִיכֶער אַלְס עֶרִידֶען יַעֲקֹב הָאט בֶּעווֵיינְט אַזוֹן גַאנְצֶע צְווֵייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר בְּלַייבֶּענְדִיג נָאךְ אַפָּאטֶער פוּן עֶלְף קִינְדֶער אוּנ

דיזער האט בעוויינט אזון איינען איינציגען אגרעסערען משך פון יארין אויך האט ער אים דער וויסט אין אפיל שלימערע לאגע אלס יעקב האט דערוויסט זיינעם זון יוסף וויא מיר וועלען דא דער ציילען :

פינף אונ דרייסיג יאר האט דער ר׳ שמעון בארבון פערלעבט אין דיזען יודען געסט אן קינדער׳ אלעבין מיט קינדער איז צוואר איין זארגענפולעס לעבין׳ אן קינדער אבער איז גאר קיין לעבען מען געפינט זיך איינזאם אין דער גרעסטע געזעלענשאפט מען האלט זיך פאר איינעם פערגעסענעם שוין אלס מען איז נאך אין האלבע יארין עס איז אזוא איינעם שלעכט צו לעבין נאך שלימער אבר צו שטארבין דען וויא מיר אידין גלויבין איז אקינד נאך די עלטערענס טויט וויא איין גוטער פליניפאטענט וואס פערניכטעט (ניכטאזעט) אלע שווערע דעקרעטען וואס מען האט געמאכט אויף זיין גוטען פריינד אונ ווען מען האט עס אבער ניט גייט מען אוועק פאדסוד גאר אן אשום שפאר׳ דיזע גרויסע דאגה האט געפרעסט וויא איין שווערער שטיין זיין אידעלעם הערץ אונ פלעגט דארום אין דיא שטילע נעכט גאט בעטען דאס ער זאל אים מיט איינעם זון בעגליקען אונ מיט דער צייט איז זיין גיבעט אנגינומען גיווארין אונ עס איז דער בייא אויך וואס וואונדער גישעהן :

יא וואונדער דאך אבער ווער עס וואונדער פאר אונזער נייע אויפגיקלערטע וועלט נור וואס גלויבט ניט זעלבסט אין ווארהייטען׳ פר דר דאמאליגע צייט אבער ווער עס נאטורליכעס נור עס האט אים בייא דיזער גילעגענהייט וואס ריכטיגעס גיטרוימט אונ ריכטיגעס צו טרוימען ווער אין דער אלטע צייט זייער געוואוינטליך וויא מיר געפינען עס אין אונזערע (ספרי הקודש) אונ אין דער גמרא אונ אם דייטליכסטען אין דעם ספר איוב דען ער זאגט דארטן (כי באחת ידבר אל ובשתים לא ישורנה ׳ בחלום חזיון לילה בנפול תרדמה על אנשים) דאס הייסט אזויגאט שפריכט איין מאל מיט דעם מענטשען אונ ווען ער ניט בעמערקט עס שפריכט

ער



ער מיט אים נאך אמאל אבער נור אין טרוים אין דיא נעכטליכע ערשיינונגען אלס דער שלומר פאלט איבער דעם מענטשן (אז יגלה אזן אנשים ובמוסרם יחתום) ער ענטדעקט פאר זייער אויער דאן זיין בעשלוס וויא צו ציכטיגען זייא אונ ווידער וויל מען האט אין יענע צייטען זייער פיל געגלויבט אין טרוימע פלעגט זיך גאט בעדינען דער מיט אום צו בעלערנען דיא מענטשן דורך דעם׳ אונ דער ר׳ שמעון בארבון וואס ווער פאר געוויס איין גרויסער מאמין אין דעם דען ער ווער דאך אויך איין בעל מקובל ווער געוויס אין ראפפארט (פערבינדונג) מיט דער גייסטער וועלט דורך זיינע חלומות דאהער איז קיין וואונדר דאס עס האט אים וואס ווארהייט געטרייםט אלזו קורץ וועגם מיינע טייערע לעזערין מאכע דאבייא קיינע בעזאנדערע איינוועדונגען איצונד געגען דיזע מעגליכקייט אונ גלויבע אין דיזער ערציילונג וואס זיא איז ארויס גענומען גיווארין פון היסטארישע (ריכטיגע) קוועלען אונ בעניידע (זייא מקנא) דיא פאריגע דורות וואס ווארען פיל נעהענטער צו גאט אלעם מיר זיינען איצונד :

## 3.

## דער שרעקליכער טרוים ׳

ערב ראש חודש אלול פון דעם פינף אונ דרייסיגסטען יאר זיינעם לעבענס בייא נאכט קומענדיג פון שול נאך יום כפור קטן דען ער האט געפאסט ווער ער זייער אויפגערעגט (זייער אויפגערירט)׳ עס ווער אים זיין הארץ וויא אויסגעריסין זיינע אויגען האבין זיך ניט איינגעשטילט פון טרערען ער האט זיך געפילט עפעס וויא אונהיימעס אזו וויא עס וואלט אים גיווארין איינג דיא גאנצע וועלט אונ האט אליין ניט געוואוסט וואס מיט אים איז אונ האט דאהער גאנץ ווייניג געגעסען אונ האט זיך באלד דארויף געלייגט שלאפען אונ זיינע ברעמען האבין זיך באלד זייער האסטיג צו געשלאסען וויא שווערע

בלייערנע

בלייערנע טויערען · קוים אבער איז ער איינגעשלאפען אונ דיא ווירקליכע וועלט מיט איהרע שווערע זארגען האט זיך אוועק גיקייקעלט פון אונטער זיינע פיס האט אים זיין גייסט איבער גיטראגין אין איינער בעסערן וועלט אין דיא וועלט דער טרייסע איין וועלט וואס איין קנעכט קען דארטן ווערען איין קיניג · איין אביון איין רייכער מאן · איין קראנקער איין געזונטער אונ איין בעזעדעטניק איין פאטער פון אגוטען זון אונ איז באלד דארטן דאס אויך גיוואריו דען עס האט זיך אים געטרוימט דאס זיינע פרויא האט אים געבאהרען אזון ער האט גימאכט אשיינעם ברית מילה אונ דאס קינד האט זיך בייא אים זייער גוט ערצויגען האט ניט געוואוסט פון ציינער קראנקהייט אונ פון אלע אנדערע קינדער קראנקהייט אונ וואר דער צו זייער שיין קלוג גיראטען אין אלע מעלות נאך מער פאר אליץ אין לערנען אונ אין שפראך קענטנים אונ אלס ער איז גיווארין בר מצוה וואר ער אנגיטאן אין אקרוין דער ווייזהייט (כתר חכמה) :

גיווארין בר מצוה וויא איז עס מעגליך וועסט דוא מיינע טייערע לעזערין געוויס מיר פרעגין דאס אין אחלום פון איינער נאכט זאל זיך דוכטען דאס עס זיינען איבער געלאפען גאנצע דרייצען יאר אונ איך וועל דיר דאן דארויף ענטפערען אונ זאגין דאס אזו אפראגע איז גאנץ קינדעריש ווייל דיא צייט אליין איזט באמת ניט קורץ אונ ניט לאנג עס קומט נור אן אן אונזערע אייגענע פארשטעלונג פון איר וויא מיר זעהען בחוש דאס מאנכע שטונדע לייפט אונז איבער וויא אבליץ דאס מיר זעהען אונז גאר ניט אום וויא זיא איז פאר בייא גיגאנגען אונ אזו אויך פאר קערט מאנכע שטונדע דויערט בייא אונז איינע אייביקייט אונ דאס איז ווייל דער זמן (דיא צייט) איז אזוא איין דעליקאטנער ענין וואס אונזער מענטשליכער מוח קען אים גאר ניט משיג זיין וויא עס דריקט זיך אויס איבער אים דער גרויסער מליץ ר׳ ידעיה הפניני אין זיינעם גאלדענעם

ספר



ספר בחינות עולם (פרק י״א הזמן ענין אלקי לא תושג אמתתו) דאס הייסט דער זמן (דיא צייט) איז וואס געטליכעם וואס מיר מענטשען קענען ניט בעגרייפען זיינע ווירקליכקייט אונ אזו איז שוין בעוויזען דאס דער גרעשטער טרוים ווערט געטרוימט נור אין איינע טויזענטייל סעקונדע אונ אזו האט איינער געטרוימט אמאל אין איינעם מאמענטאלנעם שלומר דאס ער האט געהייראטהעט אקיניגס אטאכטער אונ אין אפאר צעהן ארום איז ער גיווארין נאך דעם שווערס טויט אליין אקיניג אונ האט נאך הער דער לעבט מיט דער פרויא אקינד אונ אלס דאס קינד וואר אלט אפאר ניין אונ איז אריין גיפאלין אין אברונען האט ער זיך פון גרויס צער אויפגיהאפט אונ וואר בעטריבט דר פון כמה וואכען :

נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר אונז צוריק קערען צו אונזער געשיכטע׳ער האט גיזעהען אין זיינעם טרוים דאס זיין זון וואר געצירט אין זיינעם דרייצעהנטען יאר מיט דער קראנע דער ווייזהייט:(דאס הייסט מיט דעם כתר החכמה אדער כתר התורה) אונ וואר דער בייא אזו שטארק פרייליך דאס ער האט זיך פון גרויס שמחה אויפגיהאפט אונ איז באלד ווידער איינגישלאפען איין זיסען שלאף וויא דער פאל בייא דעם ירמיה הנביא (על זאת הקיצותי ושנתי ערבה לי) דאס הייסט ירמיהו האט דער ציילט נאך דעם וויא איך האב גיזעהן איינע פרייליכע נביאות אין מיינעם טרוים האב איך מיך באלד אויפגעהאפט אונ בין באלד ווידער זייער זיס איינגעשלאפען :

ער איז איינגישלאפין אונ עס האט זיך אים ווייטער געטרוימט דאס ער זעהט זיינעם זון אין דעם אלטער פון עטליכע אונ צוואנציג יאר שיין וויא איין איינגעל אונ זיין הויפט איזט געצירט מיט איינער גאלדענע קרוין וואס אויף איר איז געצייכענט מיט שווארצע בוכשטאבין דיא צווייא ווערטער (כתר כהונה) אונ טויזענדע מענטשען אונ ווידער טויזענדע קניען פאר אים׳ ער האט געוועלט צו אים צו גיין האט מען אים ניט גילאזין אונ דיזעם האט אים

אזו

אזו ווייט גיקריינקט דאס ער האט אנגיהויבין צו וויינען זייער שטארק פון שלאף אונ האט אזו לאנג גיוויינט ביז זיינע פרוי האט עס דער הערט אונ האט אים אויפגיוועקט זיא האט אים גיפרעגט וואס איז דיא מעשה מיט אים אונ ער האט איר גאנץ ווייניג דארויף גיענטפערט · עס האט זיך מיר עפעס וואס שרעקליכעס געטרוימט וואר זיין תשובה אונ איז זיך באלד ווידער איינגישלאפין · קוים אבער האט ער דיא אויגין צו גימאכט האט זיך אים גיטרוימט צום דריטען מאל אונ אליך וועגין זיינעם זון · עס האט זיך זאים געדוכט דאס ער זעהעט אים שוין אין דעם אלטער פון עטליכע אונ דרייסיג יאר בלייך פארוואקסען אונ געקליידעט אין אזאק אונ אין אש וויא איין ביסענדער (בעל תשובה) זיצט אין אקליין שטיבעל איבער דעם פרומען ספר חובות הלבבות אונ לערענט · נון האט זיך אים ווייטער געדוכט דאס ער וויל מיט אים ריידען אונ פרעגין אים איבער דיזע שרעקליכע פאר ענדערונג עס וואר אים אבער דער צונג וויא געלעמט וויא געפענטעט אונ עס האט אים גינוג מיה גיקאסטעט ביז ער האט דיזע באנדען צו ריסען אונ האט דיא שפראכע ווידר גיפונען אונ האט דאן ארויסגעפלאצט מיט דער לאנג פערפרעסטע פראגע וואס וואר פאר פרעסט אין זיינער ברוסט פון דעם ערסטען אויגענבליק אן וואס ער האט אים אין דיזער טרויעריגע לאגע דער זעהן וואס זיא וואר פאר אים וויא איינע אייביקייט · מיט וואס מיין קינד האסט דוא דיך אזו ווייט פארזינדיגט האט ער אים געפרעגט דאס דוא ביזט אזו איין שווערער בעל תשובה גיווארין האסט דוא געגען גאט אדער געגען לייטען אזו שטארק פארבראכען דאס דוא מוזט אום זיך אוים צו זעגען (שלום ווערען) מיט זייא אבשייד נעמען פון דער וועלט אין דיינע יונגע יארען נאך · אונ וועל עס אזו בלייבין ביז מיין לעצטען טאג פון מיינעם לעבין וואר זיין אנטווארט אונ באלד דארויף האט זיך דער ר׳ שמעון בארבון אויפגעחאפט עס וואר שוין דאן גרויסער טאג מער אלס דרייא גאנצע חדשים איזו ער

אומגיגאנגען



אומגיגאנגען נאך דעם וויא אצומישטר אונ האט קיינעם ניט דר ציילט דער פון דען ער האט גימיינט דאס דיזער טרוים איז פיליכט נור אשפיל פון דער פאנטעזיא (כח הדמיון) וויא דאס רוב פון אנדערע חלומות אונ עש איז אלזו ניט כדאי אויף צו מאכען דער מיט אוועלט :

## 4.

## דיא ערפילונג פון דעם ערשטען טרוים

אונזערע חכמים זאגין אין (מדרש פ׳ וישלח ס״ד) דרייא זאכען ווערין מיט דער צייט געשוועכט (אויסגיוועבט) אונ בלייבין גאר אויסער אכט איינע שווערע נביאות איינע נארישע אבלות (איבער מעסיגע) אונ איין טרויעריגער טרוים · אונ דיזער פאל וואר אויך ביי דעם ר׳ שמעון בארבון דען אין פערלויף פון דרייא חדשים האט זיך דער ר׳ שמעון שוין גאר כמעט פארגעסין אן דיזעם חלום אונ האט אנגיהייבין שוין צו ווערין מונטערער אונ וואלט שוין פיליכט ניט גערייגקט פון אים צייט זיין לעבין ווען עס וואלט אים ניט דער מאנט אן איהם זיינע פרויא דורך אבשורה טובה זיא האט אים אן גיזאגט דאס זיא איז שוואנגער (מעוברת) אונ מיט דיזער בשורה האט זיא (מעביר בקולמוס גיוועזן *) דאס הייסט אפגעפרישט דעם פארגעסענען אדער אפגעבלאקירטען טרוים אונ אין זיינעם הארצין האט זיך אנגיהייבין צו מישען טרויער אונ פריידע דורך אנאנדער אונ האט דאן שוין דער ציילט זיינע שרעקליכע אונ וואונדערליכע חלומות פאר זיינער פרויא אונ פאר זיינע גוטע פריינד וואס האבין עס באלד פותר גיוועזן צו גוטען · ער אבער

האט

---

*) מעביר בקולמוס ווערט אנגערופען איבער צו שרייבין דיא אפגעשפרונגענע בוכשטאבין פון איינם אלטען כתב מיט נייע שווארצע טינט דען מעביר הייסט איבער שטרייכען · אונ קולמוס איז דער טייטש פענע :

הָאט זִיךְ נִיט גִילָאזְט זַייעֶר לַייכְט בֶּערוּהִיגֶען אוּנ דַאהֶער גִיהַאלְטֶען דִיזֶע מַתָּנָה פוּן גָאט צוּ דֶער לֶעבִּין אַקִינְד פַאר אַפַּאלְשֶׁעס גֶעשֵׁיינְק דֶען זַיין הַארְץ הָאט אִים גִיזָאגְט דָאס עֶר וֶועט הָאבִּין מֶער צַער אַלְס נֶחָמָה דֶער פוּן אוּנ פְלֶעגְט דַאהֶער גָאט צוּ בֶּעטֶען אִין שְׁטִילֶען דָאס עֶר זָאל זַיין מִיט דֶעם קִינְד וָואס עֶס וֶועט אִים בַּאלְד גִיבָּארִין וֶוערִין לְמַזָּל וְלִבְרָכָה אוּנ דָאס עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין מְגַדֵּל צוּ זַיין אִים לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים · אוּנ נִיט וֶוייניגֶער פַאר אִים הָאט זַיינֶע פְרוֹיא אוֹיךְ גָאט גִיבֶּעטִין דַאס דָאס וָואס זִיא וֶועט הָאבִּין זָאל זִיא פַארְזִיסֶען זַייעֶר לֶעבִּין אוּנ צִירֶען זַייעֶר עֶלְטֶער אוּנ פְלֶעגְט אוֹיס צוּ זָאגִין אַלֶע טָאג פוּן אִיר שְׁוַואנְגֶערְשַׁאפְט דֶעם נַאנְצֶען (שׁ״ס תחנות) אוּנ הָאט נָאךְ דֶער בַּייא גִיטָאן אַיין נֶדֶר וִויא אַמָאל חַנָּה דָאס בְּאִם זִיא וֶועט הָאבִּין אַאִינְגֶעל וֶועט זִיא אִים הֵיילִיגִין נוּר צוּ תּוֹרָה אוּנ צוּ גָאטֶעס דִינְסְט. אוּנ וֶועט זִיךְ דַאן שֶׁעצֶען פַאר דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹיא אִין דֶער וֶועלְט :

אוּנ אַזוֹ זַיינֶען זִיךְ אִיבֶּער גִילָאפִין דִיא נַיין חֳדָשִׁים פוּן אִירֶער שְׁוַואנְגֶערְשַׁאפְט אוּנְטֶער פְרוּמֶע גֶעבֶּעטֶע אוּנ וַואר דֶער נָאךְ עֶרְפְרֵייט מִיט אֵיינֶעם זוּן וָואס וַואר שֵׁיין אוּנ לִיבְּלִיךְ אָנְצוּזֶעהֶן וִויא אַיין נַייֶע גֶעשַׁאפֶענֶער אֵיינְגֶעל זֶעלְבְּסְט זַיין וֵויינֶען אוּנ זַיין בְּרוּקֶען וַוארֶען זִים אוּנ בֶּעצוֹיבֶּערֶענְד וִויא דִיא מוּזִיקַאלִישֶׁע טָאהֶנֶע (קְלֵיינְגֶע) פוּן אֵיינֶער בֶּעסֶערֶען וֶועלְט דָאס עֶס וַואר אֵיינֶע לוּסְט דִיזֶעס קִינְד צוּ זֶעהֶען צוּ הֶערֶען אוּנ צוּ הֶערְצֶען מֶעהְר נָאךְ עֶס צוּ בֶּערִיהְרֶען אוּנ צוּ קוּסֶען אוּנ וָואס דָאס קִינְד אִיז גִיוָוארִין מִיט אַטָאג עֶלְטֶער אִיז עֶס אַלְץ גִיוָוארִין שֶׁענֶער אוּנ קְלִיגֶער אוּנ אַלְס עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ רֵיידִין הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין צוּ קְוֶועלִין פוּן זַיין מוֹיל גְרוֹיסֶע חֲרִיצוּת אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע אַיינְפַאלֶען דָאס עֶס הָאט דֶער מִיט דִיא שְׁטָאדְט פֶערְקְלוּנְגֶען אוּנ אַלְס עֶר הָאט אָנְגִיהֵייבִּין צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּנ הָאט אָנְגִיהֵייבִּין צוּ לֶערְנֶען אִיז גִיוָוארִין דֶער רֶבִּי זַיינֶער גָאר אוֹיסֶר זִיךְ פוּן גְרוֹישׁ וואוּנְדֶער וַוייל עֶס הָאט מֶער אוֹיס גִיזֶעהֶען דָאס עֶר דֶער מָאנְט זִיךְ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעלֶערֶענְט אַלְס עֶר הֵייבְּט עֶרְסְט

אן



אָן צוּ לֶערְנֶען אוּנ אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וַואר עֶר שׁוֹין קְלָאר אִין גַאנְץ תנ״ך אִין מִשְׁנָיוֹת אוּנ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זַייעֶר גוּט חָכְמַת הַחֶשְׁבּוֹן דָאשׁ אַלֶע לוֹמְדִים פוּן דִיזֶער שְׁטָאדְט הָאבִּין אוֹיף אִים גִיזָאגְט דָאס דֶער מַלְאַךְ הָאט זִיךְ פֶערְגֶעסֶען אַשְׁנֶעל צוּ טָאן אִים בַּייא זַיין גֶעבּוּרְט אוּנ הָאט דַאהֶער נִיט פַאר גֶעסֶען וָואס מֶען הָאט מִיט אִים גִילֶערֶענְט אִין יֶענֶעם עוֹלָם*) אוּנ אַזוֹ וָואס מִיט אַיָאר וַוייטֶער הָאט עֶר אַלְץ מֶער אוּנ מֶער גִישְׁטִיגֶען אִין לֶערְנֶען דָאס עֶר הָאט שׁוֹין גָאר קַיין רֶבִּין גִיהַאט פַאר זִיךְ אוּנ בִּיז אִין זַיינֶעם צְוֶועלְפְטֶען יָאר הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיסְגִישֶׁעפְּט דֶעם גַאנְצֶען מְקוֹר הַחָכְמָה וְהַתּוֹרָה (דִיא קְוַואלִין פוּן חָכְמָה אוּנ פוּן תּוֹרָה) פוּן זַיינֶעם פָאטֶער אוּנ אִין זַיינֶעם דְרַייצֶעהְנְטֶען יָאר הָאט שׁוֹין אַזוֹ וַוייט גֶעשְׁטִיגֶען הֵין אִין לֶערְנֶען אוּנ הֵין אִין חָכְמָה דָאס דִיא גְרֶעסְטֶע רַבָּנִים פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ אַשְׁכְּנַז הָאבִּין אִים גִיגֶעבִּין סְמִיכוּת אוֹיף רַבָּנוּת אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע חֲכָמִים פוּן דִיזֶע בֵּיידֶע לֶענְדֶער הָאבִּין אִים גִיקְרֵיינְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטֶען מְלוּמָד · דִיזֶעס גְלִיקְלִיכֶעס קִינְד הָאט גִיהֵייסִין יוֹסֵף אוּנ דִיזֶער נָאמֶען מִיט דֶער פְרָאזְוִויסְקֶע בַּארְכּוֹן הָאט אָנְגִיהֵייבִּין צוּ קְלִינְגֶען אִין מִזְרָח אוּנ מַעֲרָב אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע אַדִירִים מְיוּחָסִים אוּנ גְאוֹנִים פוּן יֶענֶער צַייט הָאבִּין גִיוָואלְט צוּ בַּאקוּמֶען אִים פַאר אַיין אֵיידֶעם אוּנ הָאבִּין מְקַנֵּא גִיוֶוען דֶעם ר׳ שִׁמְעוֹן בַּארְכּוֹן דָאס עֶר הָאט זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ הָאבִּין אַזוֹ אַזוּן אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם וַואר דֶער ר׳ שִׁמְעוֹן נִיט אַזוֹ פְרֵיילִיךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ וִויא דִיא וֶועלְט הָאט גִימֵיינְט · וַוייל גְרַאדֶע דִיא גוּטֶע

ערפילונג

*) דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין דֶער (מסכת נדה פרק המפלת) מִיט דִיזֶעם לָשׁוֹן (וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כלה) דָאס הֵייסְט אַלְס דָאס קִינְד גֵייט אֵרוֹיס פוּן מוּטֶער לַייבּ אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט טוּט אִים אַיין מַלְאַךְ אַקְלַאפּ אָדֶער אַשְׁנֶעל אִיבֶּער זַיין מוֹיל אוּנ עֶר פַארְגֶעסְט אַלְץ וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט דָארְטִין אִין יֶענֶעם עוֹלָם :

ערפילונג פון דעם ערסטען טרוים האט אים גימאכט זייער בעזארגט אום דיא ערפילונג פון דעם לעצטען טרוים אונ פלעגט זיך דאהער אין דיא גרעסטע פריידען באגיסין מיט טרערין אונ פון דעם פערפרעסטען הערצען כאנבען טיפען זיפץ אויספרעסין :

## 5.

## דיא ערפילונג פון דעם צווייטין טרוים :

אונזערע חכמים קלערין אין מדרש קהלת וויא ווייט איז דער גיהנם פון גן עדן זאגט איינער אטפח (דאס הייסט איינע האנד ברייט) איין אנדערער זאגט איין דין ווענטעל איז נור צווישין זייא · דיא חכמים זאגין דאס זייא זיינען ביידע אזו הארט בייא אייניאנדער דאס עס איז אריין צו קוקין פון גיהנם אין גן עדן אונ פון גן עדן אין גיהנם · דיזע רייד זיינען אונז לבד איהרע ווארהייט אויך איין בילדליכער משל צו דיא מקרים (צו פעלע) פון אונזער לעבין דאס גליק אונ אומגליק פריידען אונ ליידען גרעניצען זיך זייער אן אונ זיינען על פי רוב דער צו נאך אזוא נאהענט דאס נאך זייענדיג אין דער גרעסטע פריידע אין דעם העכסטען גליק איז שוין אנצושפירין דאס אונגליק וואס בעאיילט זיך אן צו קומן וויא זייא דריקען זיך איין אנדער מאל נאך דייטליכער מיט אנדערע ווערטער (אל תתיאש מן הפורענות) דאס הייסט דער מענטש דארף זיך אימער ריכטען אויף צרות אויף פורעניות וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט דער מענטש איז ניט צו פרידין גימאכט דאהער זיינען אים דיא אויגין פול מיט טרערין אפילו בשעת ער לאכט אונ אזו וואר דא אויך דאס גראדע אין דער פרייליכסטע צייט איז גישעהען איין אומגליק גאנץ אונגעריכטערהייט וויא איין דונער וואס ברעכט איין פלעצליך אין דער שענסטע פאגאדע אונ איין פלאץ רעגין פארטרינקט דיא גארבין אונ דיא שטאגעם הייא וואס ווארין גיזאמעלט מיט שוויים אונ מיהע פון פיל מאנאטען דער בויער זעהט עס אונ קערט זיך אום





נור שווייגענד נאך הויזע דען גראדע אין דער וואך וואס מען האט זיך גערכט אויף אגרויסין מחותן וואס וואר אגרויסער שר אונ צו גלייך אגרויסער גאון · איין געוויסער דון מנחם פון ארלעאנס ער האט גיזאלט קומען זעהן דעם יוסף בארבון אונ רייהען מיט אים אין לערנען אום צו נעמען אים פאר אחתן אונ דיא עלטערן האבין גיהאפט צוא זעהען אין איהרעם הויז תורה אונ גדולה צו זאמען איז דאן גראדע זייער זון וואס וואר זייער גאנצע פריידע זייער גאנצע האפנונג פארפאלין גיווארין ער איז גיגאנגען זיך באדען מיט זיין משרת אונ זיינען ביידע שוין ניט צוריק גיקומען :

נון מיינע טייערע לעזערין ווער קען בעשרייבין דעם טרויער פון דיא עלטערין ווער קען שילדערין זייערע גיוויינען זייערע גרוישע קלאגין נאך איזט קיינר אזו בעדויערט גיווארין פון זיינעם פאטער אונ מוטער וויא דיזער יאזעף · עס האבין מיט זייא גיוויינט די גאנצע שטאט זעלבסט קריסטען זיינען גיקומען צו טרייסטען דיא עלטערען זייא האבין אבער קיין טרייסט אנגענומען גאנצע צוויא וואכען ווארין דארטן אלע וואסערין אויס גיזוכט פון גרונד אויס עס וואר אבער קיין שפור (שלאד) צו געפינען · אין אחודש ארום ערסט האט מען זיין הימעלע גיפונען בייא דעם ברעג פארטראגין מיט זאמד · מען האט עס גיבראכט צו דעם פאטער וויא אמאל דיא העמדעל פון יוסף צו זיינעם פאטער יעקב דער פאטער האט איר צו גיכאפט מיט ביידע הענט האט איר באנעצט מיט זיינע טרערען אונ האט דער בייא אויס גישריען ווייא מיר מיין קינד איז דער טרונקען איצונד ווייס איך דאס איך וועל דיך שוין מער ניט זעהן דוא ביזט דער טרונקען פאליש זיינען דיא טריימע עס טריגען דיא חלומות וואס דער טויט האט שוין איין מאל צו גינומען דאס גיט ער שוין ניט אפ צוריק א איך אומגליקליכער פאטער עס איז מיר ניט אזו פערגונען צו טרייסטען זיך מיט זיין קבר א איך וואלט אים מיט בלומען פאר פלאנצט איך וואלט זייא מיט מיינע טרערין בענאסען אונ מיין גיבעט דארטן אלע טאג פעררירכט וויא אויף איינעם היילינן ארט

(מקום קדוש) דען דוא ביזט איין הייליגער גיוועזן און וואלט מיך אזוי גיצעסעט מיט דער פריידע דאס איך וועל אמאל מקובר ווערין לעבין דיר נון מיין ליבעס קינד ביסטו גאר גיווארין איין שפייזע צו דיא פישי דיין גראב (קבר) איז פיליכט איין הייע פיש :

און אזוי האבין איהם דיא עלטערין בעוויינט און בעטרויערט פילע טאגע און פילע יארין דער פאטער איז גיווארין גרא פאר דער צייט און דיא מוטער איז גיווארין בלינד פון וויינען און זיינען דורך דעם אויך אראפ פון מעמד און דער ר׳ שמעון האט שוין גימוזט ניט ווילינדיג ווערין ארב דארטין אין דער גהעטטא און פערלעבט מעהר אלס צוואנציג יאר אין קימער און אין טיפען טרויער ער האט זיך ענטזאגט פון אלע וועלט פריידען קיינע פרייליכע מינע וואר שוין צוא זעהען אין זיין געזיכט און קיין פרייליכעס ווארט איז ארויס פון זיינעם מונד׳ וואר אימער גיקליידעט אין טרויער און פלעגט צו דער מאנען דעם נאמען יאזעף הן ביי דעם עסען און הן ביי דעם לערנען און אזוי ביי אלע גילעגענהייט וואו ער האט איהם נאר גיפעלט זעלבסט ביי זיינעם שאך שפיל וואס דאס וואר ביי איהם דאס איינציגע זאבאווע מיט וועלכע ער פלעגט צו לינדערען דיא הערבע (הארבקייט) פון זיינעם קומער וואס וואלט איהם זאנסט פערצערט זיין קערפער און זיין זיילע :

(ויהי היום) און עס וואר אין איינעם גיוויסען טאג ז׳ ניסן אין דרייא און צוואנציגסטען יאר נאך דיזער געשיכטע אלס דיא גהעטטא וואר דאן זייער בעשעפטיגט מכח פסח און דיא גאנצע דארטיגע אידעשע בעפעלקערונג ווארען טהעטיג ארום דיא מצה׳ און אום אנדערע צרכי יום טוב וויא דיא בינען אין איהרען בינשטאק און דער ר׳ שמעון בארבון וואס וואר דאן דארטען רב האט זיך עוסק גיוועזן אין קמח פסח פאר עניים וויא דער סדר איזט׳ איז אריין צו איהם דער (ראש הקהל) מיט פערוויינטע אויגין און האט איהם דער ציילט איינע שרעקליכע נייעקייט איר זאלט וויסין רבי





האט ער צו איהם גיזאגט דאס איך האב היינט בעקומען אבאפעהל פון אונזערען קורפירסטליכען בישוף דאס מיר אלע יודין וואס וואוינען דא אין דיזער גהעטטא מוזען ביז איינעם פון דאנען אויס ציהען און האבין מער ניט וויא פיר וואכען צייט און באם מען וועט זיך פאר זאמען ליינער וועט מען אוועק נעמען פון אונז אלין וואס מיר נור האבין און מען וועט אונז ארויס טרייבין מיט שטעקענס און מיט בייצען וויא דיא הינדע נאר אן רחמנות :

עס איז שוין לאנג שטיל גיוועזן האט זיך דער ר׳ שמעון אפגירופין מיט אטיפען קרעכץ נוא וואס קען מען דער צו העלפין דאס איינציגע וואס דער ביא איזט צו טאן האט זיך אפגירופין דער (ראש הקהל) דאס אייער כבוד זאל זיך מטריח זיין אריבער צו גיין צוא דעם קורפירסט און בעטען איהם דען איר זייט ביא איהם אגרויסער חשוב און זייט מיט איהם דאך בעקאנט דען איר פלעגט דאך מיט איהם אין אייער יוגענד שפילין אין שאך׳ צוואר ער וואר נאך דאן מער ניט וויא איין פראפעקט ביא אלעם דעם האט ער זיך ניט גיענדערט ער איז דער זעלביגער גוטער מענטש וואס ער איז דאן גיוועזן ער וועט אייך געוויס זייער פריינדליך אויפנעמען :

נון איז מיר דארום אגרויסע פראגע האט זיך דער ר׳ שמעון אפגירופין וויא קומט ער ארויס צו געבין אזוי איין שטריינגען בעפעהל פאר געוויס האט גימוזט איינער פון אונזער געמיינדע זיך זייער שווער פארזינדיגען געגין איהם דאהער איז מיין עצה דאס מען זאל ארויס געבין אהערם דאס יענער וואס האט עס גיטאן אדער דער וואס ווייס נור דער פון זאל זיך באלד מודה זיין פאר מיר דאמיט איך זאל וויסין וויא זיך צו פאר ענטפערין פאר איהם דען פאר געוויס איז עס ניט אומזיסט׳ דיזער מיינונג בין איך האט איהם גיענטפערט דער (ראש הקהל) און דאס זאל גישעהן נאך היינט צוא מנחה דען אטאג צוא פאר לירין ביא אזוי

אנגעפערליכע זאך איז אויך צו פיל · און מען האט עס ווירקליך גיטאן עס האט זיך אבער ניט איינער גימעלדעט וואס זאל זיך בעקענען אדער וואס זאל געבין דער פון דיא מינדעסטע נאכריכט און דאן איז געבליבין דאס דער ר׳ שמעון זאל גיין מיט ראש הקהל צו דעם קוהרפירסט פרעגין בייא אים איבער דיא אורזאך פון דיזעם שטרייננגען בעפעהל און גלייך בעטין אים דאס ער זאל עס מבטל זיין דער ווייל האט מען גוזר תענית גיוועין מען האט גיזאגט סליחות וויא דיא זיטע איז בייא אונז אידין פון אימר דאס פריהער זעהט מען זיך מיט גאט · אין דער נאך קערט מען זיך צו דיא מענטשליכע הילפע זייא האבין זיך אנגעמעלדעט צו אים ער האט זייא אריין גילאזין צו זיך און האט זייא זייער פריינדליך אויפגענומען זייא האבין אבער בייא אים גאר ניט גיפועלט :

איך האב צו אייך גאר ניכט האט ער זייא גיענטפערט עס האט מיר ניט איינער פון אייך בעליידיגט גראדע אומגיקערט מיר טוט עס זייער לייד דאס איך זאל אייך אזו טיראנים בעהאנדלען צווייטענס וועל איך דער פון נאך גרויס שאדין האבין דען איך האב פון אייך דיא גרעסטע הכנסה איר האט איינגעפירט גרויס האנדעל און וואנדעל בייא מיר אין שטאט נור וואס זאל איך טאן ווען איך בין אזו בעפוילין פון דעם פאפסט אלזו ווען איר ווילט יוא בעטין מוזט איר פארין קיין רום און צו פאלין צו דעם פאפסט אליין פיללייכט וועט אייך גליקין וואס גוטעס אויס צו ווירקין בייא אים :

ווען אזו האט זיך אפגירופין דער ר׳ שמעון בארבון דאס דוא ביסט אונז שוין אזו ווייט גוט דאס דוא האסט מיט אונז אזו גאר מיטלייד און ראטהעסט אונז צו פארין צו דעם פאפסט בעטע איך דיך געגעדיגער און הייליגער פירסט דאס דוא זאלסט מיר געבין איין רעקאמאנדאציאנס בריף פון דיר צו דעם פאפסט אין וועלכען דוא זאלסט מיר פארשטעלין פאר אים ווער איך בין





דאמיט מיינע רייד זאלין זיין נשמעים בייא אים דען זאנסט וועט מען אונז גאר ניט צו לאזין צו אים · און דיזעס וועל איך טאן האט זיך דער קוהרפירסט אפגירופין איך וועל דיך פארשטעלין פאר אים אויך פאר אגרויסען שאך שפילער דען דער פאפסט איז אגרויסער פריינד פון דיזער שפיל און וויא מיר דוכט וועסט דוא דורך דעם בייא אים פיהל מעהר אויס ווירקען אלס דורך אנדערע מיטלען :

אגב האט זיך דער קוהרפירסט נאך גיפרעגט בייא דעם ר׳ שמעון בארבון וואס איז דער מעהר מיט זיינעם זון צו האט ער וואס גיהערט פון אים און האט אים דער בייא גיטרייסט · און האט אים גימאכט גוטע האפענונג דאס עס קען נאך גימאלט זיין דאס ער לעבט נאך און וועט זיך נאך געפינען און דאס ער וועט נאך פון אים מקבל נחת זיין און האט אים דער צו נאך גיבראכט פערשיידענע בייא שפילין פון ווידער גיפונענע קינדער און האט זיך אזו אונטערגיהאלטין מיט אים מעהר אלס איינע שטונדע און אלך פון זייטיגע זאכען און אלס ער האט אים אפ גיגעבין דעם בריף און דער ר׳ שמעון בארבון האט אנגיהייבין צו ריידין מיט אים פר זיינעם אוועק גיין ווידער וועגין דיא גזרה און האט אין אים געדרונגען דאס ער זאל אים אום ווייניגסטין זאגין זיין מיינונג איבער דיזע גזרה דאס הייסט וואס קען דער פאפסט האבין צו דיא היזיגע אידעשע גימיינדע דאס ער האט גוזר גיוועין אזו אביטירין גירוש · האט אים דער קוהרפירסט גיענטפערט · האלב לאכענד פארגעווים וועסט דוא שוין דארטין זיך דער וויסין און איז באלד דארויף אריין צו זיך אין גאבינעט זאגענדיג צו אים אדיו :

מיט איינעם שווערין און פארקלעמטען הערצען האט זיך דער ר׳ שמעון און דער ראש הקהל אומגיקערט צוריק אין דעם יודענקווארטעל האבין באלד גימאכט אגרויסע אסיפה און האבין זייא דער ציילט וויא דיא זאכע האלט דאס הייסט דאס מען מוז

פארין קיין רום און מען ברויכט דער צו מער אלם טויזענד טאלער
אויף הוצאות און ווידער דאס מען זאל וויזנאצען וועלכע עס זאלין
זיין דיא מיט פארער ווייל אלם דעפוטירטע פון איינער געמיינדין
מוזין זיין מער אלם צוויא · דיזע אלע קוועסטעם אבער ווארין
ענטשידען (גירעשעט) אין איינעם אויגינבליק עס איז גיווארין באלד
געלט און מענטשען · אויף מארגין האט מען גוזר תענית גיוועזן
ווידער און מען האט מתפלל גיוועזן דאס דיא דיפוטירטע זייערע
זאלען וואס גוטעס אוים ווירקען אין רום · און דער ר׳ שמעון
האט גיזאגט תוכחה דעם עולם · עס וואר דער בייא פערגאסען
געווארען טייכען טרערען אונד נאך הער זיינען זייערע פינף
נכבדים אוועק געפארען מיט דעם ר׳ שמעון בארבון קיין רום ·
אונד ווייל דיא וועג וואר אווייטע און דיא צייט וואר קורץ
זיינען זייא געפארען זעלבסט אום יום טוב · און זיינען גיקומען
קיין רום אקארסט וואס האט זיך גיענדעט דארט דר קריסטליכער
פסח · דאס זייא האבין שוין געקענט באטרעטין בייא דעם פאפסט ·
דאך אבער בעפאר זייא זיינען צוא אים געגאנגען האבען זייא
זיך געזעהען מיט דיא נכבדים פון דער אידעשער געמיינדע
וואס זיינען אין רום אום אוים צוא פרעגען זייא וואס פאר
אמענטש איז דער פאפסט · און וויא בעהאנדעלט ער זייא ·
און וויא קומט מען צוא אים צוא און האבען זייא אגב דער
ציילט פון דער גזרה צוא ליב וועלכע זייא זיינען עס איצונד
געקומען · דיא רומישע יודען האבען זיך אבער איבער דיזע
געשיכטע זייער געוואונדערט :

״שטייק!״ האבען זייא זיך אפגערופען ״דער היינטיגער
פאפסט איז איינער פון דיא בעסטע מענטשין · צייט ער איז אויף
דעם פאפסטליכען טראהן האבין מיר פון אים כל הטובות · נון
פערשטייען מיר ניט וואס האט ער צו אייך׳ פערגעווים האט זיך
אייער געמיינדע געמוזט אין וואס פערזינדיגען געגען אים״ :

קורץ



קורץ דער פון זייא האבין גאר ניט גיוואוסט וואס איבער
צו טראכטין · און ווידער וואס פאר אמיטעל קען מען דער צוא
געפינען עס אפ צו העלפען ווען מען וויים ניט דיא אורזאכע דער
פון · בייא אלעם דעם האבין זייא מסכים גיוועזן דאס זייא זאלין
זיך זעהען מיט דעם פאפסט · און האבין זייא בעלערינט אין
וועלכע צייט זייא זאלין צוא אים גיין · און ווען מען דארף
דארט געבין שוחד דאס מען זאל צו לאזין צו אים · און האבין
געוואלט מיט געבין זייא זייער טאלמאץ · דער ר׳ שמעון אבער
האט זיך דער פאר בייא זייא בעדאנקט ״איך ברויך עס ניט״ האט
ער גיענטפערט ווייל איך אליין רייד זייער גוט לעטיין · און אין
אפאר טעג ארום האט דיא אידעשע געמיינדע פון רום גימאכט
א תענית בייא זיך וועגין דיא מיינצער דיפוטירטע · דאט הייסט
אין דעם טאג אין וועלכין זייא זיינען אוועק צוא דעם פאפסט ·
דאס זייא זאלין דארט וואס גוטעס אויסווירקען :

און אלזו זיינען דיא מיינצער דיפוטירטע אוועק אין דעם
וואטיקאן · דאס הייסט אין דעם גרויסען דווארעץ פון דעם פאפסט·
האבין זיך גילאזט אן מעלדין צוא אים · און ער האט זייא צוא
געלאזט צו זיך · ער האט זייא אויפגענומען אין זיינעם אוידיענץ
זאל (פריאמענעם זאל) אנגעטאנענערהייט אין זיינער פאפסטליכע
ארנאטע (פארמיילנאסט) מיט דער הייליגע קרוין אויף דעם קאפ ·
און מיט שקיפעטער (שרביט הזהב) אין דער האנט אלם ער וואלט
דארפען דא אויפנעמען איינען מאנארכעשען געזאנדעטען און האט
זיך אנידער געזעצט אויף זיינעם הייליגין דרייא פיסיגין שטול און
האט אוואונק געטאן צוא זייא דאס זייא זאלין אונטער גיין
נעהענטער און זאגין זייער באגער · אונזער באגער איז האט זיך
דער ר׳ שמעון אפ גירופין אונטער גייענדיג נעהענטער און
פאלענדיג אויף דיא קניא ״א הייליגער פאטער · דאס דיין מדת
הרחמים זאל זיך מתגבר זיין איבער דיין מדת הדין און מבטל צו
זיין דיא גזרה פון דער אידעשער מיינצער געמיינדע וואס זיא וויים

ניט

ניט דורך וואס פאר אזינדע זיא האט דיזע שטראפע פערדינט פון דיר · מיר זיינען אין מיינץ די פרידליכסטע אונ שטילסטע מענטשין · אונ צוא גלייך אויך דיא ניצליכסטע מענטשין · איך קען עס דיר בעצייגען מיט איינעם בריף פון אונזערען גייסטליכען (דוהאוונעם) קוהרפירסט הער גילבערט · אין וועלכעם עס איז מיינעם פערזוינליכקייט אויך בעשריבין אונ פארגעשטעלט פאר דיר» אונ אזו ריידענדיג האט ער אים איבער גיגעבין דעם בריף :

דער פאפסט האט דעם בריף איבער גילעזען · אונ האט גיהייסין דעם ר׳ שמעון אויפשטיין · אזוי ? ביזט דוא דאס דער רבי שמעון בארבון האט ער צו אים גיזאגט· ביז אהער האב איך נור גיהערט פון דיר · איצונד האב איך דאס פערגעניגען מיט דיר צו שפרעכען · דוא ביזט איינע בערימטהייט · אונ איך האב שוין לאנג געוואונציין מיט אזו איינעם וויא דו ביזט זיך אונטער צו האלטין מאנכע שטונדע אין רעליגיאנס זאכען · דען וויא מען זאגט זאלסט דוא זיין דער ערסטער למדן אונטער יודען אונ אויך דער געלעהרטעסטער אונטער זייא · נון גאט זייא דאנק פאר דיזע גילעגענהייט דיך פערזוינליך צוא קענען אונ צו פארברייגגען מיט דיר · אלזו איר איבעריגע דופיטערטע פון מיינצער אידעשע געמיינדע גייט אייך רוהיג נאך הויזע · איינע רעזולאציאן וועט איר בעקומען פון מיר אין דרייא טעג ארום · אונ דוא בארבון שטעל זיך אפ ביי מיר אויף איניגע שטונדען אין מיינעם גאבינעט» :

אונ עס איז אזו גישעהען דיא דעפוטירטען זיינען זיך אוועק · אונ דער בארבון איז אריין מיט דעם פאפסט אין זיין גאבינעט · אונ דארטין האט ער אים שוין אויפגענומען אלס זיין גלייכען · האט אים גיבעטין זיצען · האט אים טראקטירט מיט טייערע זאפטען מיט טייערע פרוכט · אונ האט זיך אריין געלאזען מיט אים אין אטיפען דיספוט איבער דיא ענייני אמונה · דאס דער ר׳ שמעון בארבון האט זיך גאר ניט גיקענט אפ וואונדערין וויא אזו





קומט אפאפסט איונגער מאן צוא האבין אזעלכע למדות פון אידעשען דת · אזו אבקיאות אזוא אחריפות · דאס עס וואר ניט כמעט איין ספר אין וועלכעם ער איז ניט קלאר · ניט איין שטה פון ש״ס וואס ער זאל אים ניט גרינדליך פערשטיין · אונ אזוא ווייט וואר, ער אויך אין קבלה :

דיזער דיספוט האט גידויערט מעהר אלס דרייא שטונדען אונ האט זיך גיענדעט מיט דעם נצחון פון דעם ר׳ שמעון בארבון · דען ער האט דעם פאפסט גובר גיוועזן · אונ אלס דער דיספוט וואר שוין צו ענדע האט דער פאפסט גיזאגט צו אים» איצונד וויל איך שפילען מיט דיר אשאך · דען דר גילבערט אייער גייסטליכער קוהרפירסט רימט דיך אין זיינעם בריף וואס ער האט גישיקט דורך דיר צו מיר דאס דוא ביזט איין גרויסער שאכשפילער · אונ אזו ביזט דוא אויך בעריהמט דער מיט אין גאנץ טייצלאנד אונ אין פראנקרייך» «אונזער קורפירסט האט דיר קיין ליגען גישריבין» האט אים דער ר׳ שמעון בארבון גיענטפערט «דען איך בין ווירקליך אין דיזער שפיל אויסגעצייכענט» נון וואר דר לאנגט איין גאלדענער שאכשפיל · אונ האבין זיך גיזעצט שפילין · אונ דער פאפסט האט אזו קלוג אונ קינסטליך גישפילט דאס דער ר׳ שמעון בארבון האט אים דאריבער נאך פיל מער בעוואונדערט אלס ביי דעם דיספוט פון דער רעליגיאן :

«אונד וואס בעוואונדערסט דוא מיך דער בייא ?» האט אים דער פאפסט גיפרעגט «איזט דען דער שאך שפיל אויך נור איין אייגענטהום (ירושה) פון אייך יודען וויא אייער רעליגיאן דאס דוא הידעשט זיך אויף מיך דאס איך פערשטייהע אים אזו וויט · «ניין הייליגער פאטער» האט אים דער ר׳ שמעון גיענטפערט «איך בין ניט אזו דום דאס איך זאל אזוינס גאר דיינקען · איך בעוואונדערע נור דיזעם · וויא קומט איר צו אזעלכע גיינגע וואס קיין שפילער וויים ניט פון זייא · אונ וועט זייא ניט וויסען · לבד איך וואס איך האב זייא גילערינט פון איינעם כתיבת יד · אונ לבד נאך איינער

וואס האט עס ערלערינט פון מיר און יענער איז שוין טויט פון אצייט״ · „און ווער איז יענער פאר איינער גיוועזן?״ האט אים דער פאפסט גיפרעגט „דאס גראדע אים האסט דוא גיווירדיגט עס אויס צו לערנען״ „א הייליגער פאטער״ האט זיך דער ר׳ שמעון בארבון אפ גערופין „וועק ניט מיינע אלטע וואונדע וואס בלוטעט שוין מער אלס צוואנציג יאר · דען דיזער איינער וואר מיין איינציגער זון · איין קינד וואס האט זיין גלייכען געהאט נור אין שפיגעל · ער האט גיהייסין יוסף · און איז מיר פערפאלען גיווארין וויא יוסף פון זיינעם פאטער יעקב · וויא עס ווייזט אויס איז ער דער טרונקען גיווארין ער מיט זיינעם אמשרת · און איך בעוויינע אים וויא יעקב האט בעוויינט זיינעם יוסף״ · „און דוא וועסט נאך אים דער לעבין צו זעהען״ האט זיך דער פאפסט אפ גירופען״ אין גרויס גדולה וויא יעקב האט דער לעבט צו זעהען זיינעם זון יוסף״ :

„א מעכטע גאט דיין ברכה ערפילען״ האט זיך דער ר׳ שמעון אפ גערופין״ און דאן וואלט איך שוין אויך אויס גישריען די זעלביגע ווערטער וואס יעקב האט אויס גישריען אלס ער האט דער זעהען זיינעם יוסף „אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי״ דאס הייסט יעצט קען איך שוין שטארבין אלס איך זעהע דאס דוא נאך לעבסט *) „און האט זיך דער ביא זייער שטארק פאר איינאנדער גיוויינט :

וויין

*) נראה לי לפרש הקרא הזה · שהתפלל יעקב לה׳ הלואי שיבטלו דבריו הראשונים שאמר בשעה שהביאו לפניו כתונת בנו „ארד אל בני אבל שאולה״ פי׳ הוא לא ישוב עוד אלי כ״א אנכי ארד אליו כמו שאמר דוד „אנכי הולך אליו והוא לא ישוב אלי · התפלל שעתה בראותו כי עודנו חי יתהפכו דבריו הראשונים ואמר אמותה הפעם · פי׳ עתה בעודך חי · כסדר כל הארץ אשר האב ימות בחיי הבן · ולא הבן על פני אביו · כמו שהיה במעשה תרח והרן · שמת על פני אביו · והוא היה הראשון שהוכח במוסר כזה כנראה מסדר הדורות:

RECOGNITION SCENE



„וויין ניט ליבער פאטער !״ האט זיך דער פאפסט אפ גערופין צו אים מיט איינער ליבליכען און צערטליכען שטימע · און איז אים צו גלייך ארויף גיפאלין אויף זיינעם האלדז מיט אגרויס גיוויין „איך בין דיין זון יוסף · איך לעבע נאך · איך בין פאפסט גיווארין · און בין גאט זייא דאנק אלזו גענוג אום שטאנד צו פאר זיסען דיין עלטער · און צו שטילען דיינע טרערין :

קיין וואונדער מיינע טייערע לעזערין · דאס דיזע בשורה האט פיל מער געווירקט אויף דיזעם גרייז (אלטען מאן) אלס אויף יעקב אבינו · דען דארט האט דאך דר ווואוסט זיינעם זון יוסף אלס איינעם יודען · און ער האט דר וואוסט זיינעם זון אלס קאטולישען פאפסט · און איז דאהער באלד אין אונמאכט געפאלען · דען צוויא גאנץ גענען געזעצטע (פאר קערטע) געפילע האבין ארין געשאסען זייערע פיילען אויף איין מאל אין זיין וואונדעם הערץ · וואס יעדערער באזונדער איזט שוין אים שטאנדע צוא איבער אסען (צוא טרעוואזען) זעלבסט דעם שטארקסטען גייסט (כאראקטער) פון דער וועלט · און פשיטא שוין אזו איינעם אלטען מאן · דען פון אפלעצליכע פריידע אליין קען מען אמאל אויך שטארבען; אונד ווער רעט שוין פון אפלעצליכען צער · אונד וואס פאר אנרעסערע בשורה רעה האט געקענט זיין דאן פאר אזוא איינעם פרומען פאטער אלס דער ר׳ שמעון בארבון וואר אלס דאס זיין זון איזט גאר געווארען אפאפסט · ער איזט אין אונמאכט געפאלען · אונד אלס מען האט אים אפ געמינטערט איזט ער פון דיזען אונמאכט ארין געפאלען אין איינעם אנדערער אונמאכט · און פון דיזער אין איינער דריטען · און אלס ער איז שוין צוא זיך געקומען · האט ער זיך אפ גערופען צוא זיינעם זון מיט די זעלביגע ווערטער וואס חזקיהו האט זיך אפ גערופען צוא ישעיהו הנביא אלס ער האט אים אן געזאגט די בשורה טובה דאס ער וועט געזונט ווערען מיט אשטאך ווארט דער ביא · דאס גאט

וועט

ווָעט עֶס טָאן נָאר צוּא לִיבּ דֶעם זְכוּת פוּן דָוִד אָבֶּער נִיט
צוּא אִים אַלֵיין „הָאט יְר דַאן אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן„ : „הנה לשלום
מר לי מר„ מֶען הָאט מִיר פֶערְבִּיטֶערְט דֶעם פְרַיינְדְלִיכֶען גֶערוּס ·
דֶען אַזוֹא וַואר דַאן דָא אוֹיךְ דָאס עֶר דֶער זוּן הָאט אִים
פֶערְגַאלְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה דָאס עֶר לֶעבְּט נָאךְ מִיט דֶעם
וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעוִויזֶען פַאר אַיין פַּאפְּסְט :

נוּא מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין וֶוער אִיז עֶס אִים שְׁטַאנְדֶע
אוֹיס צוּא שְׁרַייבֶּען דָאס עֶרְסְטֶע גֶעשְׁפְּרֶעךְ וָואס אִיז גֶעשְׁפְּרָאכֶען
גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען אַזוֹא אַפָּאטֶער אוּנ אַזוֹא אַזוּן וָואס הָאבֶּען
זִיךְ עֶרְסְט נָאךְ אַמֶשֶׁךְ פוּן אֵיינִיגֶע צְוַואנְצִיג יָאר וִוידֶער
גֶעפוּנֶען ? אֵיינֶע מֶענְשְׁלִיכֶע פֶעדֶער אִיז צוּא קְנַאפּ דֶער פַאר ·
צוּא וָואכֶעדִיג פַאר אַזוֹא אַיין שְׁבוּעֶס · וָואס הָאט אַרוֹיס
גֶעקְוָואלֶען נָאר פוּן גַייסְט הֶערְץ אוּנ נִירֶען · דַאהֶער מוּזְט דוּא
דִיךְ מִיט דֶעם וִוינְצִיגֶען וָואס אִיךְ וָועל דִיר דָא פוּן דִיזֶעם
גֶעשְׁפְּרֶעךְ דֶער צֵיילֶען צוּא פְרִידֶען שְׁטֶעלֶען · נָאךְ דֶעם דָאס
זַייא בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט · אוּנ זֵייעֶרֶע
גֶעפִּיהְלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַיין עֶטְוָואס אַיין גֶעשְׁטִילְט הָאט דֶער
זוּן אָן גֶעהֵייבֶּען צוּא דֶער צֵיילֶען פַאר דֶעם פָאטֶער וָואס עֶס
הָאט זִיךְ מִיט אִים פַּאסִירְט אוּנ וִויא אַזוֹא עֶר קוּמְט דֶער צוּ ·
מַיין מְשָׁרֵת הָאט עֶר אָן גֶעהֵייבֶּען וָואס דוּא הָאסְט אִים
בֶּעשְׁטֶעלְט דָאס עֶר זָאל זַיין מִיט מִיר · אוּנ זָאל מִיר בֶּעדִינֶען ·
דֶער יְדִידְיָה · הָאט מִיךְ פַר פִירְט אַלְס מִיר זַיינֶען אוּנְז גֶעגַאנְגֶען
בָּאדֶען אִין אֵיינֶעם שְׁמָאלֶען זַאווּאוּלִיק וָואס אִיז צְוִוישֶׁען
צְוֵוייא קְלוֹיסְטֶערֶען · אוּנ גֵייעֶנְדִיג פַאר בַּייא אַקְלֵיין טִירֶעל
הָאט עֶר אָן גֶעצוֹיגֶען אָן דִיא שְׁטְרִיקֶעל וָואס עֶס אִיז דָארְט
אַהוֹיס גֶעהַאנְגֶען · אוּנ וִויא עֶס הָאט גֶעטָאן אַקְלוּנְג הָאבֶּען זִיךְ
אַרוֹיס גֶעחַאפְּט עֶטְלִיכֶע גַאלְחֶעס אוּנ הָאבֶּען אוּנְז בֵּיידֶען אַרַיין
גֶעשְׁלֶעפְּט אִין אַקְלוֹיסְטֶער — אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען מִיךְ פוּן אִים
אָפּ גֶעשֵׁיידְט · אוּנ מֶען הָאט מִיךְ אַיין גֶעשְׁלָאסֶען אִין אֵיינֶער





צֶעלֶע · עֶס וַואר דָארְט נוּר אַבֶּעט · אַטִישֶׁעל אַפָּאר שְׁטוּלֶען ·
דֶער פֶענְסְטֶער וָואס וַואר מִיט גְרַאטֶעס וַואר גֶעוָועןדֶעט אִין
אַגָארְטֶען · אִיךְ וַואר דָארְט גַאנְץ אֵיינְזַאם · נוּר צְוֵוייא מָאל
אַטָאג פְלֶעגְט מִיר אַקְלֵיינֶער קְנֶעכְטֶעל אַרַיין טְרָאגֶען עֶסֶען אוּנ
טְרִינְקֶען · אוּנ דֶער צוּא נָאךְ אַלֶע מָאל אֵיינֶעם אַנְדֶערֶען
נַאבָּאזֶעם בִּיכֶעל זֵייעֶרֶען · דִיא עֶרְסְטֶע צְוֵוייא וָואכֶען הָאבּ
אִיךְ גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט · אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסֶען מֶער נִיט וִויא
בְּרוֹיט · גֶעטְרוּנְקֶען נוּר וַואסֶער · אוּנ גֶעשְׁלָאפֶען אוֹיף דֶער עֶרְד
וַוייל אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גֶעוָואלְט לֵייגֶען אוֹיף שַׁעַטְנֵז · אוּנ
וֶוער רֶעט שׁוֹין פוּן אַבּוּךְ זֵייעֶרֶען גֶעמֶען אִין הַאנְד · עֶס וַואר
מִיר דָארְט צוּ מוּטָה וִויא אֵיינֶעם לֶעבֶּעדִיג בֶּעגְרָאבֶּענֶעם בַּייא
זַיינֶעם עֶרְוָואכֶען זִיךְ אִין קֶבֶר · דֶער אֵיינְצִיגֶער גֶעדַאנְקֶען
מַיינֶער וַוארְסְט דוּא אוּנ מַיינֶע מוּטֶער · אִיךְ הָאבּ מִיךְ פָאר
גֶעשְׁטֶעלְט אַייעֶרֶען גְרוֹיסֶען צַעַר אוּנ אַייעֶר וֵויינֶען אוּנ טְרוֹיעֶרֶען
אוּם מִיךְ · אַצֶעהֶענְטֶעל פוּן מַיינֶע קְלָלוֹת זָאל טְרֶעפֶען דֶעם
יְדִידְקֶען וָואס עֶר הָאט מִיךְ פַאר פִירְט אַהֶער · דֶען אִיךְ פְלֶעג
אִים גַאנְצֶענֶע טֶעג שִׁילְטֶען אוּנ פְלוּכֶען · דִיזֶער פֶערְפִיהְרֶער
הָאט בְּוַדַאי גֶענוּמֶען גֶענוּג גֶעלְט דֶער פַאר אִין דִיזֶעם קְלוֹיסְטֶער
וָואס זַיינֶער אַפֶּעטֶער אִיז דָא אַיין גֶעטוֹיפְטֶער גַלָח · אוּנ פַאר
גֶעווּיס הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין דֶער נָאךְ אוֹיךְ גֶעטוֹיפְט · דָאךְ אוֹיף
קְלָאר וֵייס אִיךְ נִיט וַוייל מֶען הָאט אִים בַּאלְד פוּן דַאנֶען
אַוֶועק גֶעשִׁיקְט קַיין שְׁפַּאנְיֶען · אִין אַפָּאר וָואכֶען אַרוּם אַלְס
אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען קְרַאנְק · הָאט מִיךְ בֶּעזוּכְט אַדָאקְטָאר מִיט
צְוֵוייא גַלְחֶעם · הָאבֶּען מִיךְ גֶעטְרֵייסְט · אוּנ הָאבֶּען מִיר פָאר
גִישְׁטֶעלְט וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיךְ קֶען וֶוערֶען בְּאַם אִיךְ וָועל וֶוערִין אַיין
פְרוּמֶר קְרִיסְט אוּנ בְּאַם אִיךְ וֶועל מִיר נֶעמֶען צוּ זֵייעֶרֶע רֶעלִיגְיֶעזֶע
לִמוּדִיוֹת דֶען זַייא וֵייסֶען וָוער אִיךְ בִּין אוּנ וָואס פַר גְרוֹיסֶע טַאלֶענְטֶע
(הַשְׁלָמָה) אִיךְ הָאבּ · אוּנ פֶערְקֶערְט וֶוען אִיךְ וָועל מִיךְ
עַקְשֶׁענֶען וֶועל אִיךְ מִיךְ מַאכֶען הֶעכְסְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ · אִיךְ וָועל

ארונטער פאלען אונטער דיא הענט פון דער אינקוויזיציע און דאס גלייכען:

אזעלכע בעזוכע האב איך געהאט צוויא דריא מאל אין וואך · און ביא יעדעס מאל האט מען מיך אלץ געזאגט מיט אזעלכע רייד · איך וואר נאך דאן גאנץ יונג קוים דרייצעהען יאר אלט · איך וואר נאך דאן לעבענס לוסטיג · און האב מיך זייער געשראקען פאר דיא שמערצען און יסורים פון דער אינקוויזיציע *) און האב מיך געלאזט מיט געוואלט אפ טויפען · דאס הייסט ניט ווילענדיג און האב דער ביא בשעת מעשה זייער געוויינט · באלד נאך דער טויפע האט מען מיך אפ געשיקט קיין פעראריע וואס איז אין איטאליען · און דארט האב איך מיר שוין אן געהייבען צוא פאר געסען ביסלאך וויס אן אייך · אן מיין היים · אן מיין רעליגיאן · און האב געזוכט מיין טרייסט נור אין לערנען און אין שטודירען זייערע רעליגיאנס ביכער · און האב איבער געשטיגען אין לערנען אלע מיינע מיט שילער און בין געווארען ביא זייא אין אפאר יאר ארום איין פראפעקט און האב אזו געשטיגען דארט פון איינער ראנגע צוא דר אנדערער ראנגע · ביז איך בין געווארען איין קאנאניך · דער נאך אבישוף · און דער נאך פאפסט · מיין רייכטהום · מיינע גרויסע עהרע און מיינע גרויסע פערגניגין

האבען

---

*) אינקוויזיציע ווערט אן גערופען איינע טיינע סוד פון דוהאונע לייט וואס פלעגין אוים שפירען וואו עס געפינט זיך איינער אקריסט אדער אגעטויפטער איד וואס איז ניט זייער פרום אין זייער אמונה זאכען · און אזוא אויך נור אמענטש וואס מען קען נור מאכען אויף אים אבלבול דאס ער האט געהאט בדעה זיך צוא טויפען און האט חרטה · זייא פלעגען אים אן צוא טאן כל היסורים שבעולם · און ווען דאס האט ניט געהאלפען פלעגען זייא אים צו פר ברענען לעבעדיגער הייט:



האבען מיך אזוא וויט איין גענומען · אזוא וויט בערוישט דאס עס וואר מיר שוין זייער שווער ארוים צוא רייסען זיך פון מיינעם גייסטליכען שטאנד אום צוא ווערען ווידער איין פאר אכטעטער יודע · און צוא זיין אונטער ווארפען דער גרויסען געפאהר אריין צוא פאלען אונטער דיא הענד פון דער שרעקליכען אינקוויזיציע:

אין דיזעם יאר אבער האט מיך בעזוכט אייער גייסטליכער קוהרפירסט דער גילבערט · וואס ער איז ביא מיר אין חשד פון לאנג אן שוין דאס ער וואר בעטייליגט (געהאט איד) אין מיינער ענטפירונג פון אייך איך האב אים געלאדען צוא מיינעם טיש · און ביא דעם עסען האב איך געמאכט מיט אים אגעשפרעך · איבר אייער אידעשע געמיינדע וואס איז אין זיינר שטאט מיינץ · און האב ביא אים פאר ביא גייענדיג נאך געפרעגט וועגען דיך · דאס הייסט ציא דוא לעבסט · און וויא גייט עס דיר „דיזער רבי שמעון בארבון„ האט ער מיר גיענטפערט · לעבט · ער איז דארט געווארען ראבינער · איז אין גרויסען אן זעהען · און גייט געקליידעט אין שווערען טרויער · דען ער בעוויינט זיינעם איינציגען זון וואס איז ביא אים פאר פאלען געווארען · און האט מיר דער ציילט דער ביא פון דיינעם טרוים וואס עס האט דיר געטרוימט וועגען מיר בעפאר איך בין נאך געבאהרען געווארען וואס איך האב ביז אים גאר ניט געוואוסט דער פון · דיזע נאכריכט האט מיך אזוא וויט גערירט · דאס איך בין אויף געשטאנען פון טיש · איך בין אריין אין אבעזונדער צימער און האב מיר אויס געוויינט און האב מיך בעשלאסען דאס איך זאל מיך זעהען מיט דיר · און וויל איך האב עס ניט געקענט טאן אויף גראדען וועג דאס הייסט שרייבען צוא דיר דאס דוא זאלסט קומען צוא מיר וויל עס וואלט דיא זאך געוויס נודע געווארען און דאס האב איך ניט געוואלט וויל עס קען שאדען טאן מיר און דיר · האב איך

דאהער

דאהער ארויס געגעבען דיזען בעפעל דאס מען זאל אייך
יודען ארויס טרייבען פון מיינץ · ווייל איך האב שוין פאר
אויס בערעכענט דאס דיזע גזרה וועט דיך געוויס צווינגען דאס
דו זאלסט קומען צו מיר אום ממליץ צו זיין פאר זייא ·
ווייל דו ביזט דער גרעסטער מאן דארט · אונ אגרויסער
מפורסם אונטער אידין אונ אונטער קריסטען · אונ עס האט מיך דיזער
רעכענונג געלונגען · אלזו ליבער פאטער · האב אויף מיר קיין
פאר דרוס · דען איך האב אין קיין זאך קיינע שולד ניט אין
מיין פערפאלען פון דיר · ניט אין מיינעם טויפען זיך · ניט אין
מיינעם שווייגען ביז אהער · יוסף וואס וואר פיל מעהר צדיק
אלס איך האט אויך פערשוויגען זיין גדולה פון זיינעם פאטער
נאך מעהר ער האט זיינעם אזון אגאמען געגעבען מנשה ווייל
גאט האט אים געמאכט פאר געסען זיין עלענד אונ צו גלייך
אויך דאס הויז פון זיינע עלטערען · דען דער טייץ פון מנשה
איז פערגעסען · עס איז אין דעם קיינער שולדיג · דען עס
וואר נור איינע בעשטימונג פון גאט אונ ווייטער ניט נויא עס
איז דיזעם ארויס צו זעהען פון דיינעם טרוים · זעלבסט דער
ידידקע וואר אין דעם נור איין שליח פון גאט · נור מגלגלים
חובה על ידי חייב) · דאס הייסט גאט לאזט שלעכטעס געשעהען
נור דורך איינעם שלעכטען :

נון היילגער פאטער בלייבט מיר נאך דאס איינציגע
איבעריג מיט וואס דיך צו טרייסטען · דאס איך וועל זעהען
צו ערפילען אייך דיינען לעצטען ט־וים · איך וועל ווערען
איין בעל תשובה · איך וועל מיך אומקערען צו אונזער
אידעשע רעליגיאן · דיא פראגע איז נור צו וועט גאט מיין
תשובה אן נעמען „א מיין קינד!“ האט אים דער פאטער
גיענטפערט„ גאט איז גענעדיג · אונ זיין האנט איז אימער
אפען אויף צו נעמען דיא וואס קערען זיך צוריק צו דער
רעליגיאן · וואס זייא זיינען אין איר געבארען געווארען · אונ
בפרט



בפרט נאך דיך וואס דו האסט אין דעם קיין שולד געהאט ·
דו ביזט איין אנוס · טוהע עס מיין קינד אונ פערזיסע דער
מיט מיינע לעצטע יארען וויא ישמעאל האט פערזיסט דאס
לעבען פון זיינעם פאטער אברהם מיט דעם וואס ער האט
געטאן תשובה פאר זיין טויט *) · „דאך אבער ליבער פאטער„
האט זיך דער זון אפ גערופען · „דאס קען אזוא גיך ניט
געשעהען · הלואי אין אפאר ארום · דען וויא איך בין משער
וואר דער גילבערט אייער נייסטליכער קוהרפירסט אין שפיל
פון מיינער ענטפיהרונג · אונ דאהער ווען איך וועל באלד
פאר פאלען ווערען וועט ער זיך פאר געוויס שטויסען דאס דו
האסט מיך בערעדעט צו ווערען ווידער אאיד אונ דאן וועט
ער אומגליקליך מאכען דיך אונ מיך · אונ צו ליב אונז וועלען
נאך ליידען אלע איבעריגע יודען · דאהער מוז עס דיזע
זאכע געדויערען ניט ווייניגער אלס צוויא יאר„ · אונ ווארום
ערסט אין צוויא יאר? „האט אים דער פאטער געפרעגט„ ·
ערסטענס ווייל איך האב זייער פיל ענינים צו פאר ריכטען
ביז מיינעם אנטלייפען · אונ צווייטענס מוז איך דאך פריער
פאר לאזען אבארד אונ פאות דאביט מען זאל מיך ניט דער
קענען · אונ זאל שוין אויס זעהען וויא איין עכטער יודע ·
איך וועל דאן צו דיר קומען אלס איין עכטער בעל תשובה
געקליידעט אין אזאק אונ בעדעקט מיט אש · אונ וועל פאר
לעבען מיינע יארען בייא דיר אין דער געטטא · אונ וועל דארט
בייא זייא בלייבען איין געהיימנים · דאס הייסט נימאנד וועט
ווייסען

*) דען אונזערע חכמים זאגען דאס גאט האט מיט דיא
ווערטער וואס ער האט צו אים געזאגט (תקבר בשיבה טובה)
מרמז געווען דאס ישמעאל וועט טאן תשובה פאר אברהמס
טויט · אונ אזוא דרינגען עס אונזערע חכמים פון נאך
אנדערע פסוקים :

וויסען דאס איך בין היינט זון ! דען זאנסט קען מיין זיין בייא איך זייער פיל שאדען ! און דאך וועל איך מיך אויף האלטען בייא דיר · אונטער דעם נאמען פון איינעם שפאניערן אנוס וואס איז אנטלאפען פון דארט אוים דער אינקוויזיציע אום צוא לעבען דא בייא דיר אלס איין בעל תשובה וויא עס טוען ווירקליך אזוא פילע שפאנישע אנוסים וואס ווילען פירען איינעם פרומען אידעשען לעבען · און תשובה טאן אויף זייערע פאריגע בייזע מעשים : און וואס גאט וועט מיט אונז ווייטער טאן וויים איך ניט״ :

אזוא מיינע טייערע לעזערין ווארן דער אשענס פון זייער געשפרעך · דרייא טעג האט זיך דער פאטער דארט אין רום פאר זאמט און אלע טאג האט ער בעזוכט דעם זון און האט מיט אים בייא יעדען בעזוך געשפראכען פיל און ברייט איבער פערשידענע ענינים וואס זיינען ניט שייך צוא אונזער געשיכטע · און אויף דעם פערטען טאג האבען זייא בעקומען איינע גוטע רעזאלוציאן · דאס הייסט דאס מען זאל זייא ניט רירען פון דיזער געטהע און האט זייא דער צוא נאך אונטער געשריבען מאנכע גוטע פריווילעגיעס און זיינען געקומען אהיים בשמחה רבה :

## 6.

### ״דיא ערפילונג פון דעם דריטען טרוים״

דיזע גאנצע צווייא יאר וואס האבען געדארפט איבער לייפען ביז ער וועט זיך אום קערען צוא דעם פאטער · ווארען דעם ר׳ שמעון פיל לייגער אלס דער גרויסער משך פון יארען וואס זיינען איבער געלאפען בעפאר ער האט זיך פון אים דער וואוסט · דען יעדער טאג וואס זיין זון האט צו געבראכט אין קאטוילישען גלויבען אלס פאפסט וואר אים איין יום צרה ותוכחה (איין שטראפונגס טאג) · און עס האט אלץ

ניט



ניט געקענט ווערען רעכט בייא אים ווארום צוא וואס האט עס דער גרויסער גערעכטער גאט אזוא בעשטימט מיט אים · דען פון זיינעם חלום וואר דאך גאנץ דייטליך ארוים צוא זעהען דאס וואר נור איין גזר מן השמים · און ווידער צו וואס האט עס אים גאר געוויזען דיזע זאך אין אטרוים · דאך אלע דיזע פראגען זיינען אים באלד רעכט געווארען · דאס הייסט אין אפאר יאר ארום אלס דער זון איז צוא אים געקומען וויא מיר וועלען דא באלד דער ציילען :

״דער לעבענדיגער מענטש״ זאגט דער אלטער שפריך ווארט ״קומט אלץ איבער״ און אזוא איז אונזער ר׳ שמעון בארבון איבער געקומען דיא צווייא יאר · און איז געקומען צוא אים זיין זון אין איינעם פינצטערען אווענד גאנץ פאר וואקסען אן געטאן אין אזאק · דאס הויפט בעשאטען מיט אש : ״נון בין איך ווידער דיינער״ האט ער צו אים געזאגט · נאך האט קיינער אזוא איין אפפער (קרבן) געבראכט צוא גאט פאר זיינעם דת וויא איך האב געבראכט · דער מאן זיך וואס פאר אגדולה וואס פאר עשירות · וואס פאר אכבוד *) איך האב אוועק געקייקעלט אונטער מיינע פיס אום נור איין יודע צוא בלייבען , טויזענדע האבען פאר מיר נידער געקנים · קעניגע זיינען אין שטויב געלעגען פאר מיר · איך האב עס מיט בלוט אוים מיינעם הערצען אוים געריסען אום נור זיך מיט מיינעם געוויסען (באראקטער) אוים צו זעהען (גוט פריינד ווערען) און ווען דיזעס וועט מיר גילטען · בין

איך

*) אין יענע יארין פלעגט ניט טארען אקייזער אדער אקיניג טאן אן דעם הסכם פון דעם פאפסט · און אלס דער פאפסט פלעגט דארפען בעשטייגען זיין פערד פלעגט אמאל דער רוימישער קייזער · אדער דייטשער קייזער צוא האלטען פאר אים דיא שטרומענע פון דעם זאטעל :

איך שוין העכסט צוא פרידען · „און פאר געווים״ האט זיך דער פאטער אפּ גערופען״ וועסט דוא זיין פון זיך צוא פרידען דען דיינע זינדע איז דאך ניט אזוא גרויס וויא דוא מיינסט · ווייל דוא ווארסט דער בייא מער ניט וויא איין אנוס · און צווייטענס וויא איך זעהע איין פון דעם ויכוח וואס איך האב געהאט מיט דיר דאס דוא האסט נאך לערנען אויך ניט פאר געסען וואס דיזער פאל וואר ניט זעלבסט בייא יוסף הצדיק · דען ער האט דאך אליין געזאגט (כי נשני כל עמלי) זאגען דארויף אונזערע חכמים דאס איז געמיינט איך האב פאר געסען גאר דיא תורה וואס איך האב ערלערענט מיט גרויס מיא׳ דאס איז וואר ליבער פאטער„ האט זיך דער זון אפּ גערופען״ איך האב ניסט פערגעסען לערנען · ווייל איך פלעג אלע טאג צוא לערנען · איך וואר אפּאפּסט נור צום שיין · אין הערצען אבר וואר איך איין העכסטער יודען · און האב געגלויבט דאס איך בין געוואַרען אפּאפּסט אום נור גוטעס צוא טאן מיט אונזערע ברידער און האב אימער אויף זיך געלייענט דעם פסוק וואס יוסף האט געזאגט צוא זיינע ברידער „כי למחיה שלחני להיות עם רב״ דאס הייסט גאט האט מיך געלאזט פערקויפען קיין מצרים אום צוא ערהאלטען פון הונגער פיל מענטשען · דען איך האב מבטל געוועזן כמה וכמה גזרות קשות פון אידען · ביותר אבער אין דיא לעצטע צוויא יאר וואס זיינען איבער געגאנגען נאך דיינעם ערקענען זיך מיט מיר :

און ער האט אלזוא דער ציילט אלץ דעם פאטער אין וואס זיינע טובות פאר דעם אידעשען כלל זיינען בעשטאנען וואס דא איז ניט דער ארט צוא ערציילען עס · און דער פאטער וואר דער פון אזוא ווייט ערפרייט דאס ער איז ארויף געפאלען אויף זיין האלז און האט אים געקיסט און געוויינט פון פרייד · „נון מיין קינד״ האט ער זיך צוא אים אפּ גערופען

דורך



דורך דיינע ספורים זיינען מיר שוין רעכט געווארען ביידע גרויסע שאלות וואס איך האב געהאט אויף דיא הנהגה פון דעם בורא ברוך הוא דיא גאנצע צוויי שטונדען וואס זיינען איבער געלאפען נאך מיינעם ערקענען זיך מיט דיר · ערסטענס צוא וואס האט ער מסבב געווען דאס דוא זאלסט זיין אפּאפּסט · און צווייטענס ווארום האט ער מיר געצייגט פארהער אין אטרוים · דיא ערסטע איז מתורץ שוין דאמיט עס זאל געשעהען דורך דיך טובות גדולות צוא דעם כלל ישראל · פינקטליך וויא דורך דעם יוסף · דיא צווייטע שאלה איז מיר מתורץ דורך דעם דאס וואס דו ביזט געבליבען פרום זייענדיג זעלבסט אפּאפּסט האב איך נור צוא פאר דאנקען דעם טרוים · דען נור צוא ליב דעם טרוים אליין האב איך געזעהען איין צוא פלאנצען אין דיר מיט אלער מעגליכקייט אין דער וועלט איינע יראה טהורה · דאמיט דוא זאלסט ניט נכשל ווערען אין אזעלכע עונות וואס דוא זאלסט דארפען ווערען דורך דעם אגרויסער בעל תשובה · אלזוא מיין קינד איז שוין דיא עהרע פון גאט גערעטעט · און איך בין בערוהיגט · און קען שוין זאגען אלזוא מיט דעם גאנצען הערצען „צדיק ה׳ בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו״ און איצונד פערשטייע איך שוין אויך דעם ווארען זינען פון דעם פסוק וואס גאט האט געזאגט צוא משה רבינו אלס ער האט זיך געבעטען בייא אים „הודיעני נא את דרכיך״ דאס הייסט וויז מיר דיין הנהגה · האט ער אים דארויף גיענטפערט „וראית את אחורי ופני לא יראו״ דאס הייסט דוא קענסט נור פאר שטיין דעם סוף וואס דאס הייסט אחור פון יעדער הנהגה מיינע אבער ניט דעם תחלת וואס הייסט פנים פון מיינער הנהגה · נון הייסט עס בדרך כלל „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד״ אלעס וואס גאט טוט מיט דעם מענטשען איז עס אלעס צוא זיינעם בעסטען :

באלד

DIVINE JUSTICE

## 7.

## "דאס ענדע"

באלד דארויף איז געווארען אלארעם דאס דער פאפסט איז פאר פאלען · אונ עס איז געמאכט געווארען גרויסע אונטער זוכונגען אונ עס וואר אונמעגליך איין סלאד פון אים צוא דער גיין · אטייל האבען געמיינט דאס מען האט אים ערמארדעט אונ אריין געווארפען אין טיבער (אין דעם דארטיגען פלוס) · דאך וואר עס ניט צוא גלויבען · ווייל דיזער מאן האט קיין שונא געהאט · אלע ווארען אים זייער גוט׳ אטייל האבען געמיינט דאס ער איז אנטלאפען · אונ דיזעם האט זיך אויך ניט געוואלט לייגען אויף דעם זינען · ערסטענס צוא וואס זאל ער דאס טאן צוא אנטלויפען פון אזוא אגדולה וואס מיליאנען יאגען זיך נאך איר׳ אונ צווייטענס וואלט ער דאך גענומען מיט זיך טייערע קליינאדען אונ עשירות · אונ דא פעלט ניט אגראסען · דער איינציגע וואר גילבערט דער גייסטליכער קיהרפירסט פון מיינץ וואס איז ארויף געקומען אויף דיא ווארהייט · דאס ער איז געווארען אאיד מען האט אים אבער פר זאגט דאס ער זאל אזעלכעם פאר דעם מויל ניט ברייננגען עס וועט ווערען דורך דעם געשענדעט דער קאטוילישער גלויבען · אונ מען האט אלזו אין אהאלבעם יאר ארום געמאכט איינעם אנדערען פאפסט · אונ דיא זאכע איז זיך מיט דער צייט געווארען שטיל · דאס דער יוסף האט זיך שוין געקענט זיצען אין דיזער געהעטטא גאנץ רוהיג · בפרט נאך דאס ער וואר דארט איין געהיימנים זעלבסט פאר אלע יודען׳ ער פלעגט זיך זיצען בפרישות אונ לערנען׳ געקליידעט אין אזאק אונ אין אש · נור עסען פלעגט ער ביא דעם רב · דאס הייסט ביא דעם פאטער · געלט האט ער מיט זיך געבראכט נור איניגע טויזענד דוקאטען · דאס הייסט דאס געלט וואס ער האט אפ געשפארט פון זיינעם

געהאלט



געהאלט־ווייטער האט ער פון דארט גאר ניסט געבראכט · אונ האט זיך דארט אזוא פאר לעבט איניגע יאר · אונ דער נאך אלם דער פאטער איז שוין געווארען זייער אלט האט ער אין איינעם אווענד אריין גערופען דעם יאזעפען צוא זיך אונ האט צוא אים געזאגט "זייא וויסען מיין קינד דאס מיינע טעג אין דיזעם עולם זיינען שוין געציילט (דאס הייסט ניט פיל) · דארום וויל איך בענוצען איצונד דאס רעכט וואס אפאטער האט צוא פר לאנגען פון זיינע אקינד פאר זיין טויט · ערסטענס בעשווערע איך דיך דאס דוא זאלסט שוין באלד חתונה האבען בשעת איך לעב נאך · צווייטענס דוא זאלסט שוין אוים טאן דיין זאק אונ אש · דען דוא ביזט גענוג אפ געקומען פאר דיינע עבירות כפל כפלים :

דריטענס דוא זאלסט ווערען ארב אן שטאט מיר דא אין דיזער געהעטטא איך האב שוין דאריבער געשפראכען מיט דעם היגען קהל׳ איך האב אויף דיר עדות געזאגט פאר זייא דאס דוא ביזט דער איינציגער וואס איזט ווירדיג ממלא מקומי צוא זיין · אונ זייא פאלגען · דיזע אלע דרייא זאכען זאלסטו ממלא זיין · נאך פאר מיין לעבען "אונ דיזע אלע דרייא זאכען וועל איך מקיים זיין גיך אונ באלד" האט אים דער זון גיענטפערט · אונ גאט האט מזכה גיוועזען דעם פאטער צוא זעהען עס מיט זיינע אויגען · ער האט נאך דעם גילעבט אפאר יאר אונ איז זיך אוועק געשטארבין בשיבה טובה · דאס הייסט פאר ביסען מיט עטליכע גוטע אונ זיסע טעג נאך אזוא אלאנגען הערבען לעבען · אונ איז דארט מקובר געווארען בכבוד גדול :

זיין זון האט נאך אים מאריך ימים געוועזען אונ ביז דיא לעצטע שטונדע פאר זיינעם טויט האט קיינער געוואוסט ווער ער איז אונ אויך דאן האט ער עס ניט ארויס געזאגט מיט זיינעם מונד דען ער וואר שוין דאן אן לשון׳ ער האט נור

איבער

איבער געגעבין זיינע כתבים דאן צוא דעם ראש הקהל · אונ דארט וואר בעשריבען דיזע גאנצע געשיכטע · אונ דיזע כתבים זיינע ווארען אויך כמה וכמה צעהענדליג יארען געהאלטען גאנץ געהיים · אין איאר הונדערט ערסט וואר עס איין געטראגען אין דעם דארטיגען פנקס · עס איז דארט בעשריבען באריכות מיר האבין נור איין קיצור דער פון ארויס גענומען · איין קליינע טהייל דער פון איז אויך נעתק גיווארען אין דער רוסישע אידעשע ציימונגען · נור מיט קליינע שינוים · וויא דער שטייגער פון דיא ציימונג שרייבער איז · דאס זייא בעשרייבען מעהר וויא עס פאסט זייא צוא זייער ענין אלס וויא דיא ווארהייט איז :

איינע שיינע וואהרע געשיכטע פון דעם מהר"ם מרוטענבורג · וואס דאס איז דער ר' מאיר ב"ר ברוך דער מחבר פון דיא הגהות מיימוני אונ וואס ער וואר דער רבי פון דעם רא"ש ז"ל · אונ דיזען ספור האט בעשריבען דעם רא"ש זוהן ר' יהודה ז"ל :

דיזער ר' מאיר ז"ל האט געהאט דאס אונגליק אויף זיינע אלטע יארען · דאס דער קייזער אדלוף וואר אויף אים אויף געבראכט · דורך אבלויזען רכילות · אונ האט אים אריין געזעצט אין איינער שווערע געפיינגנים אונ האט אים ניט געוואלט ארויס לאזען ביז ער וועט זיך לייזען מיט אגרויסען סך געלט צום אומגליק וואר דיזער גאון זייער ארעם · אונ דער קייזער האט אים אזוא ניט געוואלט ארויס לאזען · ביז עס האט ערב געוועזען פאר אים זיין תלמיד דער רא"ש · אונ אויך דאן האט אים דער קייזער ניט לויז געלאזין , ער האט אים איין געזעצט אין אנערא מערע אונ בעסערע געפיינגנים אונ אלס דר רא"ש האט אויך ניט געהאט מיט וואס צוא בעצאלען איז ער אנטלאפען קיין טולטילה · אונ דער ר' מאיר איז זיך געבליבען זיצען דארט אין תפיסה פון דעם יאר מ"ו פון דעם

אלף



אלף הששי ביז דעם יאר נ"ג לפ"ק · דען ער איז אין דיזעם יאר י"ט אייר דארט נפטר געווארען · אונ איז זיך דארט אזוי געבליבען ליגען ביז דעם ראש חודש אדר פון דעם יאר ס"ז דאס הייסט אמשך פון דרייצעהען יאר · דען דער קייסער האט אים ניט געלאזט מקבר זיין אונ עס וואר דער ביא וויא צו זאגען איין שפיל דעם וואונדערם געוועזען · דאס זיינע ריכטער האבען געהייסען מרקר"ט · אולר"ך · יור"ג · רודל"ף · וואס דיא ראשי תיבות פון זייערע נעמען איזט מאי"ר :

נון האט זיך געמאכט מיט דער צייט דאס איין גרויסער גביר וואס וואר איין חשוב ביא דעם קייזער דאט זיך אוים געזעצט אין דער געפאהר צוא בעטען ביא אים דאס מען זאל לאזען דעם ר' מאיר מקבר זיין · אונ האט עס ביא אים אוים געווירקט אונ מען האט אים מקבר געוועזען בכבוד גדול אונ מיט גרויסע הספדים אזוא וויא ער וואלט היינט געשטארבען · אונ ביא נאכט דאס הייסט אין דער ערסטע נאכט נאך דער קבורה איז געקומען דיזער ר' מאיר צוא דיזעם גביר צו חלום אונ האט צוא אים געזאגט "דוא האסט דיא ברירה דיר אוים וויילען איינעם פון דיא ביידע זאכען · ציא ווילסט דוא לאנגע יאר אונ עשירות פאר זיך אונ פאר דיינע קינדער לדורי דורות · אדער דוא ווילסט באלד שטארבען אונ שוין זוכה צו זיין לעולם הבא · דיזער גביר האט זיך ניט לאנג מיישב געוועזען אונ האט זיך בוחר געוועזען דאס לעצטע אונ איז זיך אלזוא באלד געווארען קראנק · האט אפ געשריבען אצוואה אונ איז זיך תיכף אוועק געשטארבען אונ אין איינינע טעג ארום איז דיזער גביר געקומען צוא דעם שטאט רב צוא חלום אונ האט אים דער ציילט דאס זיין ארט איז אין יענעם עולם לעבען דעם ר' מאיר :

איך האב עס דיזע געשיכטע אהער געבראכט ווייל זיא גלייכט זיך אוים בענאהע מיט דער ערסטע אין דעם ענין פון אחלום · אונ אין אזעלכע געשיכטען האבען דיא פאריגע דורות

זייער

דייער פיל דער וואס וויל אין דעם גלויבען איז עס פאר אים איינע פרומע ערציילונג · אונ פאר דעם וואס גלויבט ניט אין אזעלכע זאכען איז אים אום וויינינגסטען דאך כדאי צו וויסען וויא עס האט אויס געזעהען אין דיא וועלט אין דיא פאריגע דורות מיט זייא גרויס מוראות· אונ נאך קענען מיר אונז ניט דיהמען דאס זעלבסט אין אונזערע נייערע צייטען זיינען מיר פון דיזעם גלויבען גאנץ פרייא דען איך קען אונ וויים מענטשען וואס זיינען העכסט געבילדעט אונ העכסט קלוג אונ האלטען זייער שטארק פון חלומות· פאר איינעם שיינעם בייא שפיל · קענען אונז דינען מאנכע ספורים פון טרוימע וואס קומען פאר אין דיא נייעסטע אונ אויף געקלערטעסטע חבורים (ביכער) אונ צו פראבע וועל איך איין ספור וואס איז
1786 געדרוקט אין דעם מאסף תקמ"ו היר מעתיק זיין · אונ ווער וואר נאך אזוא העל דיינקען וויא דיא בעלי מאספים פון יענער צייט וואס זייא האבען מיר אידען צו פאר דאנקען די גאנצע נייע אויף קלערונג וואס געפינט זיך איצונד בייא אונז· אונ מוזען אלזוא ניט ווילענדיג געשטייהען (מודה זיין) דאס אונזערע זיילען שטייען זייער אפט אין ראפפארט (קאמנעקאציאן) מיט דיא העכערע וועלט רעגיאנען (גארענס) :

עס ווערט דארט דער ציילט אזוא אין דעם יאר תק"ם האבען געמאכט צווייא יונגע לייט איינע צו פוס · דיזע רייזע האט געדויערט איינינע וואכען אונ זיינען זיך געווארען דורך דעם זייער גוטע פריינד צווישען זיך · דען וואס נאך אין דער וועלט קען אזוא צווייא הערצען צו זאמען בינדען וויא איינע לאנגע פוס רייזע האבען זיך איינער דעם אנדערען אויס געהאלפען מיט וואס נור מעגליך· אונ יעדערער פון זייא האט געזארגט פאר דאס לעבען פון דעם צווייטען וויא פאר זיין איינענעם · אונ זיינען זיך אזוא אן געקומען קיין בערלין אין אשיינעם זומער טאג געגען אווענט · איינער האט איין

נעקערט



געקערט צו נעכטיגען בייא זיינעם אפערוואנדעטען (קרוב) אונ דער אנדערער וואס זאר ווילד פרעמד אין בערלין האט איין געקערט אין איינער שטאנציע וואס וואר וויא עס פאר שטייט זיך פון זעלבסט ניט פון דיא געהייבענע דאס הייסט זיא וואר נור איינע פון יענע וואס פאסען פאר אזוינע רייזענדע וואס רייזען צו פוס אונ איז דארט זייער פריינדליך אויף גענומען געווארען אונ איז זיך בייא נאכט דארט זייער הארט איין געשלאפען וויא נאך איינער ערמידענדע אונ שווערע פוס רייזע · אונ אזוא אויך דארט דער צווייטער בייא זיינעם פר וואנדעטען :

קוים אבער האט אן געהויבען צו בעגינען · עס וואר בערך ארום צווייא דעם זייגער האט זיך דעם צווייטען געטרוימט איין שרעקליכער טרוים · עס האט זיך אים געדוכט דאס זיין פריינט וואס האט איין געקערט צו נעכטיגען אין אשטאנציע איז געקומען צו אים גאנץ צו בלוטיגט אונ זייער בלייך אונ זאגט צו אים אזוא „דוא זאלסט וויסען דאס מען האט מיך אין דיזער נאכט ערמארדעט · אונ ארום דרייא דעם זייגער הייגט נאך בעגינען וועט מען מיך ארויס פירען פון שטאט דורך די אונ די ראגאטקע אין אוואגען טיכער · אלזוא בעט איך דיר מיין ליבער פריינד דאס דוא זאלסט באלד אויף שטיין אונ גיין צו יענער ראגאטקע אום אן צו גרייפען דעם פיהרער אונ דורך דעם וועט געפארשט ווערען מיין בלוט אונ מיין געלט · איך בעט דיך“ :

קוים האט דיזער ערמארדעטער בעענדעט זיינע שרעקליכע ווערטער האט זיך זיין פריינד אויף געהאפט פון שלאף מיט אגרויס געשרייא אונ האט עס ערציילט זיינעם פערוואנדעטען · זייא האבען זיך באלד אן געטאן · האבען מיט זיך גענומען געלאדענע פיסטאלעטען · אונ זיינען אוועק צו יענער ראגאטקע זייא האבען זיך ניט פאר זאמט דארט נאך קיינע

צעהען מינוטען · אונ זייא האבען שוין דער זעהען פון ווייטען וויא איינער פירט א וואגען מיט טובער אונ וויל ארויס פארען מיט איס פון שטאט · זייא האבען איס אבער דער האלטען · אונ אלס ער האט זיך געוואלט וועהרען געגען זייא האבען זייא איס ארויס געשטעלט זייערע ביידענס פיסטאלעטען · איז ער אנטלאפען אונ האט זייא איבער געלאזט דעם וואגען אונ זייא האבען באלד אונטער זוכט דעם וואגען אונ האבען אין איס דער וואוסט דעם פריינד ערמארדעט אונ פאר בלוטיגט וויא ער האט אויס געזעהען אין טרוים · זייא האבען דעם וואגען אפ געפיהרט אויף דער פאליציי · עס איז דארט באלד געמאכט געווארען איינע אונטער זוכונג · אונ מען איז באלד דער גאנגען ווער דער ווירט פון דער שטאנציע דאס ערמארדעטען איז אונ מען האט זיך דער וואוסט דורך דעם דאס דער ווירט האט שוין אזוא מעהרערע רייזענדע ערמארדעט אונ האט בערויבט זייערע זאכען זייערע געלט אונ איז מיט זיינער פרויא געווארען גערעדערט · מיט דיזער געשיכטע האט דאן דיא גאנצע שטאט געקלונגען · אונ מען האט עס בעשריבען אין אלע זורנאלען אונ צייטונגען · אלס איין בעווייז דאס מענטשען בלוט שווייגט ניט אונ ביי אלעם דעם איז נאך קיין בעווייז דאס דער ערמארדעטער איז ווירקליך געקומען צו זיינעם פריינד צו חלום · עס איז גיכער צוא גלויבען דאס דיא זיילע פון דעם לעבעדיגען פריינט האט עס אין טרוים אזו בערעכענט אונ משער געוועהן וואס דאס איז אויך איין מין חלום נבואי (איין פראפעטעשער טרוים) איין בעווייז דאס עס איז נור אזו ווייל מיר זעהען אפטער צו חלום אויך לעבעדיגע בעקאנטע אונ קרובים · קורץ דער פון מיר מענטשין בעזיצען איינע געטליכע זיילע וואול דעם וואס בעפלעקט זיא ניט :